STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04776

# A MIZMER DEM TOG

Israel Ch. Biletzky

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Dr. Andre & Trudy Lerer*
*in memory of*
*Sam (Simcha) Lerer*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

**י. ח. בילעצקי / א מזמור דעם טאג**

י. ח. בילצקי

# א מזמור דעם טאג

1957
פארלאג אייגנס

י. ח. בילצקי

# מזמור ליום

עברית: מרדכי אמיתי

1957
הוצאת אייגנס

ליבל כהן

נדפס בישראל 1957
דפוס השומר הצעיר מרחביה
ההפצה בידי ספרית פועלים
הוצאת הקיבוץ הארצי השומר־הצעיר, מרחביה

לילדי, אלכסנדר ורחל

## אומרו

אזויפיל אומרו אין טאג, אזויפיל פיבער אין נאכט,
ווי שמידער מיט האמערס אין הענט אויף קאוואדלעס:
דער שמידער — ער האט די מוסקולן געבראכט,
צו שמידן דעם אומרו מיט האמערס פון גדלות.
ווער שטייט דארט פארטראכט און אין מיטן דעם שמידן
פארקוקט אין די הייכן, ווו הימלען זיך פארן?
אזויפיל עקסטאזן אין אייזן צעגליטן,
אזויפיל פארלאנגען אין שפאן פון די יארן.
אַ חלום — צעברעקלט, ווי אונטער הארמאטן.
אַ וויזיע — אין לויף אויף די גאסן צערונען.
ווער וועט דא זיגן? טרוימער — — —
פיראטן? — —
ווער וועט מיט פאקלען אנצינדן די זונען?
דער טאג, ווי דער אומרו פון צוגן, געשווינד,
טראגט אין מרחקים א רוף און א צייכן:
אויף וועגן פון שטורעמס אַ קול פון אַ קינד
מיט אויגעלעך בלויע פאריסן אין הייכן.
אין גערויש פון דער נאכט — אַ קוואליקער ניגון,
אזויווי ס'געזאנג פון די קערנער אין בייטן.
דאס קול פון דעם קינד וועט דעם אומרו באזיגן,
דאס לעבן וועט מארגן באזיגן די טויטן.
ס'איז גלויבן צו חלום? נישט דאס איז מיר וויכטיק!
דער עיקר — מיין אומרו אין וועלט, ווי דער שטורעס,
דער ווילן, אז זיין זאל אויף גאסן גאר ליכטיק:
בצלם אלהים — —
געבוירן איז מענטש אין גאטס פורעם.

## חרדות

כֹּה רַב בַּיּוֹם הַסַּאַן, כֹּה רַב בַּלֵּיל הָרֶטֶט,
כְּפַטִּישׁ נַפָּחִים אֶל סַדְנוֹ הַנִּשָּׂא
בְּמֶתַח שְׁרִירִים, הֲלָמוּתָם הַלּוֹהֶטֶת
לְחַשֵּׁל אֶת הַסַּאַן בְּגַדְלוּת קַרְנָסָם.
אַךְ מִי הַמַּפְסִיק מִמְּלַאכְתּוֹ וְעַל מַה־זֶּה
יַבִּיט מְהֻרְהָר בְּזוּג הַשְּׁחָקִים?
כֹּה רַבָּה בַּבַּרְזֶל הַמְּלֻהָט הָאֶקְסְטָזָה,
כֹּה רַבּוּ הַתְּשׁוּקוֹת בַּזְּמַנִּים הַחוֹמְקִים.
חֲלוֹמוֹת בְּפִצְפּוּץ תּוֹתָחִים שֶׁיָּרְטוּ,
חָזוֹן בְּמֵרוֹץ הָרְחוֹבוֹת שֶׁהִרְחִיק,
וּמִי יְנַצֵּחַ פֹּה:

חוזים

אִם פִּירַטִּים — —
מִי יָנִיף לַפִּידוֹ שׁוּב שְׁמָשׁוֹת לְהַדְלִיק?
הַיּוֹם הַסּוֹאֵן כַּהֲמֻלַּת הָרַכֶּבֶת,
אֵלַי מֶרְחַקִּים מַדְהִיר הוּא אוֹתוֹת:
עוֹלֶה בְּדַרְכּוֹ שֶׁל הַסַּעַר קוֹל יֶלֶד
נוֹשֵׂא לַמְּרוֹמִים עֵינֵי תְּכֵלֶת בּוֹטוֹת.
לְסַאַן הַלַּיִל הֵד זֶמֶר עוֹד יַעַן,
זֶה שִׁיר גַּרְעִינִים שֶׁעוֹלִים וְנוֹבְטִים:
קוֹלוֹ שֶׁל הַיֶּלֶד יַדְבִּיר אֶת הַסַּאַן
וְחַיִּים יְנַצְּחוּ דְּמָמַת הַמֵּתִים.
אֱמוּנָה אוֹ חֲלוֹם? וְאֵיזֶהוּ הַפֵּשֶׁר?
עוֹלָם בִּסְאוֹנוֹ וְלִבִּי חֲרָדָה:
כִּי יָצוּף וְיִגַּהּ הָאוֹר עַל יַבֶּשֶׁת,
כִּי יוּלַד בְּחֵיק־אֵל וּבְצַלְמוֹ הָאָדָם.

## ווער זאגט?

דאס ליד און דער גוטער זינגער
האבן אויף שליאכן א חלום היינט דערציילט:
פון וואלקנס האט זיך אויסגעשיילט
א רעגנבויגן,
א מעשה׳לע פון זומערדיקע יונגען
און צוויי פינקעלדיקע אויגן
פון קינדערלעך.
ווער האט אויסגעטראכט א ליגן
אז ס׳גוססט פרייד אויף שליאכן?

צייל און צייל באזונדער:
א שטראל אין ארעמען געצעלט,
וואסערן פון טיפן קוועלט,
צווייגן אויף די בוימער זוניקע באהעלט,
בלאער דאך אויף גראער וועלט —
אזויפיל וווּנדער — —
ווער זאגט אז קיינער האט דא פרייד פארזייט?

א זמרל פארציט
מַיין טאג.
א זמרל אין טריט.
טויען אויף פעלדער מידע
זינגען לידער — —
ווער זאגט אז אומעט כליפעט היינט
אויף בלינדע וועגן?...

## מ י  י א מ ר ?

הַשִּׁיר וּפַיְטָנוֹ הַטּוֹב
סִפְּרוּ הַיּוֹם חֲלוֹם עַל הַדְּרָכִים:
כֵּיצַד מִתּוֹךְ חֶשְׁרַת עָבִים רוֹחֶשֶׁת
הִתְקַלְּפָה הַקֶּשֶׁת,
אַגָּדַת יַלְדֵי הַקַּיִץ הָרָחִים
וּשְׁתֵּי עֵינַיִם מְרַשְׁפּוֹת
שֶׁל פִּרְחָחִים.
וּמִי הוּא שֶׁבָּדָה מִלֵּב
כִּי הַשִּׂמְחָה גוֹסֶסֶת בַּדְּרָכִים?

מְנֵה וּמְנֵה אַחַת וְעוֹד אַחַת:
קֶרֶן־אוֹר בְּבִקְתַּת הֶעָנִי,
מַעְיָנוֹת נוֹבְעִים מִמַּעֲמַקִּים,
הִלַּת הָאוֹר בְּעָפְאֵי אִילָן,
גַּג כָּחֹל בְּאַפְּרוּרִית עוֹלָם —
כֹּה רַבּוּ הַפְּלָאִים
וּמִי אָמַר כִּי אִישׁ שְׂמָחוֹת פֹּה לֹא זָרַע?

בְּזֶמֶר מִתְנַגְּנִים
יָמַי
וְזֶמֶר בִּפְעָמַי
מֵעַל שָׂדוֹת אֲשֶׁר עָיְפוּ
טְלָלִים אוֹמְרִים שִׁירָה — —
מִי אָמַר כִּי עֶצֶב מִתְיַפֵּחַ עֲגוּמוֹת
עַל נְתִיבוֹת סוּמוֹת?

## הארבסט

שטילער. דער וואלד איז איינגעהילט אין שווייגן.
דער דיכטער זינגט זיין הארבסט ליד.
אלע צווייגן
זינגען אויף די בוימער:
בלעטער־פאל, בלעטער־פאל.
היינט איז הארבסט.

שטילער. דער וואלד מיט זיינע אויסגעשפרייטע פליגל
וויל אנטלויפן פון דעם הארבסט.
א פויגל אויף די בוימער
האט פארזיגלט
היינט א ליד:
כ׳זע אין שפיגל
בלעטער־פאל, בלעטער פאל.
כ׳פלי אוועק פון וואלד.

שטילער. דער וואלד, דער גרויסער וואלד ער וויל היינט ריידן.
צו מיר. צו דיר. צו אלע.
ווער קען קלוג זיין און באשיידן
זיינע רייד:
בלעטער־פאל. בלעטער־פאל.
היינט איז הארבסט.

קומט דער דיכטער אן און זינגט אין כאר מיטן גרויסן וואלד:
אמת טאקע: הארבסט.
נאר באלד
אין דער מיט פון הימל
וועט א רעגנבויגן אנזאגן דער וועלט:
ליכט אויף אלע וועגן.

## סתו

דומִיָה. בִּשְׁתִיקָתוֹ עֻלְפֶּה הַיַעַר.
שָׁר פַּיְטָן אֶת שִׁיר הַסְתָו שֶׁלוֹ.
עֲנָפִים
שָׁרִים עַל אִילָנוֹת:
זוֹ שַׁלֶכֶת, זוֹ שַׁלֶכֶת.
סְתָו הַיוֹם.

דומִיָה. אֶת אֶבְרוֹתָיו פּוֹרֵשׂ הַיַעַר
לִמְנוּסָה מִפְּנֵי הַסְתָו.
צִפּוֹר כָּנָף
עַל הָעֵץ פִּזְמוֹן הַיוֹם חוֹתֶמֶת:
לִי בָרְאִי נִשְׁקֶפֶת
הַשַׁלֶכֶת, הַשַׁלֶכֶת.
מִן הַיַעַר הָבָה וְאֶפְרַח.

דומִיָה. הַיַעַר, זֶה הַיַעַר הַגָדוֹל לְדַבֵּר רוֹצֶה הוּא
לְדַבֵּר אֵלַי, אֵלֶיךָ, אֶל כֻּלָם.
מִי חָכָם
וְיָבִין אֶת פֵּשֶׁר אֲמָרָיו:
זוֹ שַׁלֶכֶת, זוֹ שַׁלֶכֶת,
זֶהוּ סְתָו.

בָּא פַּיְטָן וְשָׁר עִם יַעַר בְּמַקְהֵלָת:
בֶּאֱמֶת, אָכֵן זֶה סְתָו.
אַךְ מִיָד
עַד אַרְגִיעָה, בָּרָקִיעַ קֶשֶׁת
לָעוֹלָם תִּשָּׂא בְּשׂוֹרָה לֵאמֹר:
עַל כָּל דֶרֶךְ — אוֹר.

### ס'איז ניטאָ קיין אנדער גלויבן ·

ס'איז ניטא קיין אנדער גלויבן,
נאר אין זון;
ס'איז ניטא קיין אנדער זין,
אין גראָע שעה'ן.
אויף די הימלען — טשאַטעס קראָען,
אויף דער ערד — שגעון.
ארום — אַ קראַקעניש, אַ וואָיען —
דערפאַר:
אין דעם געפאַר
ארום:
ס'איז ניטא קיין אנדער גלויבן,
נאר אין זון.

ס'איז ניטא קיין אנדער גלויבן,
נאר אין אַ וויגל פון אַ קינד;
ס'איז ניטא קיין אנדער זין.
ווען אין גופים פון די בוימער שניידן זעגן,
גלויב אין קינד און היט אים אויס
פון לויערדיקע שרעקן,
לויטער אים די הימלען, וויש אָפּ פון זיי די פלעקן — — —
און יעדער קלונג פון טאָג
זאָל זיין הערצל וועקן,
אז:
ס'איז ניטא קיין אנדער גלויבן,
נאר אין אַ וויגל פון א קינד.

ס'איז ניטא קיין אנדער גלויבן,
נאר אין אויפשפראָץ פון די זאַנגען אויף די פעלדער;

## א מ ו נ ה

שֶׁמֶשׁ —
וּמִלְבַדָּהּ כָּל אֱמוּנָה אַחֶרֶת אָיִן;
וּמִלְבַדָּהּ, לְאַפְרוּרִית־שָׁעוֹת אֵין שַׁחַר.
לַהֲקוֹת עוֹרְבִים בִּשְׁמֵי שָׁמַיִם,
סָבִיב קִרְקוּר וְיֶלֶל־זַעַם,
עַל אֲדָמוֹת טֵרוּף —
עַל כֵּן
בִּגְבוּר הַחֲרָדוֹת —
סָבִיב
כָּל אֱמוּנָה אַחֶרֶת אָיִן
רַק בָּהּ —
בַּשֶּׁמֶשׁ.

עֶרֶשׂ —
וּמִלְבַדּוֹ כָּל אֱמוּנָה אֵינֶנָּה,
וּבִלְעָדוֹ אֵין שַׁחַר.
עֵת בָּעֵצִים שֵׁן מַשּׂוֹרִים נוֹסֶרֶת,
בַּבֵּן אַאֲמִין וְאֶנְצְרֶנּוּ
מִפַּחַד־פֶּתַע,
אֶת רְקִיעָיו אַצְלִיל לְטַהֲרָם מִכֶּתֶם
וּלְקוֹל הַלְמוּת הַיּוֹם
עוֹד יַהֲלֹם
לִבּוֹ הַקָּט
וְיִצְטַלְצֵל עוֹד, —
כִּי אֵין כָּל אֱמוּנָה אַחֶרֶת
מִבִּלְעֲדֵי
עַרְשׂוֹ שֶׁל יֶלֶד.

ס׳איז ניטא קיין אנדער זין,
נאר אין קערנער אין די בייטן.
אין די פלוגן — שטעקן פריידן,
שירה — אין דעם אקערס ריידן,
ערד און מענטש — א ברכה אויף זיי ביידן, —
ווייל:
ס׳איז ניטא קיין אנדער גלויבן,
נאר אין אויפשפראָץ פון די זאנגען אויף די פעלדער.

מְלֵאת
שָׂדֶה נוֹבֵט
וְאֵין כָּל אֱמוּנָה בִּלְתָּהּ
רַק בְּשִׁבֹּלֶת שֶׁעָלְתָה,
בְּנִיב הַמַּחֲרֵשָׁה.
בְּמַחֲרֵשׁוֹת — שְׂמָחוֹת וְרֶנֶן
בִּרְכַּת אָדָם וַאֲדָמָה
נִשֵּׂאת
בְּרֶתֶת,
כִּי אֵין כָּל אֱמוּנָה אַחֶרֶת
מִבְּלִי מְלֵאת
שָׂדֶה אֲשֶׁר נוֹבֵט.

## ווען נישט דאס ליד

א. שלאנסקין

ווען נישט דאס ליד, וואס גראבט זיך אויס פון טיפסטע טיפן
און גייט אויף, ווי זון, אויף א הארבסטיקער שוועל —
וואס וואלטן געטאן די מאטראסן אויף די שיפן,
און וואס וואלטן געטאן די פאסטוכער אין פעלד?

ווען נישט דאס ליד, וואס לויפט ארום, ווי ווינט אין סטעפ,
און פייפט און ברומט און לאזט די קינדער ניט אנטשלאפן ווערן,
וואס וואלטן געטאן אין ווינטערדיקע נעכט די גרויע מאמע־קעפ
און וואס וואלטן געטאן אין הימלען פינקעלדיקע שטערן?

ווען נישט דאס ליד וואס וואנדערט אום און העמד פון ארט צו ארט
און ברענגט חלומות — מידע וואנדערער אויף דערנערדיקע וועגן,
וואס וואלט איך געטאן מיט מיין אומרואיקן ווארט,
און וואס וואלט איך געטאן מיט מיינע ווייטע־ווייטע ברעגן?

א, ליד, דו אנגעצונדענער פיבער אין אדערן, אין הארץ, אין בלוטן,
דו ווייטער עכא פון קינדהייט, בגרות, דו זכרון פון דורי דורות,
וואס וואלטן מיר געטאן אן דיר, ווען אויף אונדזער קאפ דעם נישט
בארוטן
ליגן סטויגן פון אזויפיל פחד, פון שטורעמדיקע מורא׳ס...

ס׳האלטן דיר ביים האנט אזויפיל זינגער, טרוימער, אויסגעבלייכטע
דיכטער,
ס׳האלטן דיר ביים האנט שליאכן ווייטע און אזויפיל סטרונעס
אנגעצויגענע —
און דו, דו רייסט ארויס זיך הפקרדיק, ווי אין סטעפ דער וויכער
און אמאל הכנעה׳דיק דיין יאך אונטער די דוהעס, ווי אלטע מאמעס
איינגעבויגענע,

# ל ו ל א   ה ש י ר

לאברהם שלונסקי

לוּלֵא הַשִּׁיר, מִמַּעֲמַקִּים נֶחְצָב,
אֲשֶׁר כַּשֶּׁמֶשׁ עַל מִפְתָּן סְתָוִי זָרַח הוּא —
כִּי מֶה עָשׂוּ יוֹרְדֵי הַיָּם בָּאֳנִיּוֹת
וּמֶה עָשׂוּ רוֹעֵי־הַצֹּאן אֲשֶׁר בָּאָחוּ ?

לוּלֵא הַשִּׁיר אֲשֶׁר פּוֹרֵץ כְּסַעַר בָּעֲרָבוֹת,
שֶׁהֶמְיָתוֹ תִּטְרֹף אֶת שְׁנַת הַטַּף בַּבַּיִת,
כִּי מֶה עָשׂוּ בְּלֵיל חָרְפִּי רָאשֵׁי הָאִמָּהוֹת,
וּמֶה עָשׂוּ בִּמְרוֹמֵיהֶם הַכּוֹכָבִים קוֹרְצֵי הָעַיִן ?

לוּלֵא הַשִּׁיר הַנָּע וְנָד יָחֵף
וַחֲלוֹמוֹת לְכָל אֲשֶׁר יָרַט שְׁבִילוֹ יַעֲנִיק הוּא —
כִּי מֶה הָיָה אָז עַל דְּבָרַי אֲשֶׁר בְּרִתֵת
וּמֶה הָיוּ חוֹפֵי אֲשֶׁר מְאֹד מְאֹד הִרְחִיקוּ ?

הַשִּׁיר, הָרֶטֶט הַנִּדְלָק בְּכָל וְרִידַי, בַּלֵּב, בַּדָּם,
הַדְּהוּד רָחוֹק מִנִּי יַלְדוּת, בַּגְּרוּת, מִדּוֹר וָדוֹר מַזְכֶּרֶת,
מֶה עָשִׂינוּ בִּלְעָדֶיךָ, עֵת עַל רֹאשֵׁנוּ הַסָּעוּר
יַכְבִּידוּ כֹּה הַחֲרָדוֹת, חֲזוּת־אֵימִים נִסְעֶרֶת.

רַבִּים לְהֵאָחֵז בְּךָ יוֹדְעֵי הַשִּׁיר,
הוֹזִים וּפַיְּטָנִים חוֹרְרֵי־אֲרֶשֶׁת.
אוֹחֲזִים בְּךָ פְּתַלְתּוֹל שְׁבִילִים וּמֶתַח־מֵיתָרִים,
וְאַתָּה חוֹמֵק מֵהֶם כְּרוּחַ פֶּרֶץ.
אַךְ יֵשׁ אֲשֶׁר נִכְנָע, תַּטֶּה גֵּוְךָ לָעֹל
כְּאִמָּהוֹת זְקֵנוֹת שַׁחוֹת עַל עֶרֶשׂ.

כִּי חֶסֶד הוּא דְּבָרְךָ וְשֶׁמֶשׁ — חֲזוּתְךָ וְרֶמֶז כּוֹכָבִים
אֶת אַהֲבָתְךָ, מְלוֹא־לֵב, אֱלֵי חֶשְׁכַת בִּקְתוֹת אַתָּה נוֹשֵׂא

— און חסד איז דיין ווארט, און זון אין דיין געמיט, און שטערנדיקער פינקל,
און ליבשאפט טראגסט פאר אלע, און פולן הארץ פאר חושכדיקע שטיבער;
דו ברייינגסט דעם שטורעם פון דעם ים און שקיעה׳ס גאלדענע אין א פארווארפן ווינקל
(נאר איינס האב איך געזען: פאלאצן מיידסטו אויס, דו היפערסט זיי אריבער...)

ווען נישט דאס ליד, וואס גראבט זיך אויס פון טיפסטע טיפן,
און גייט אויף, ווי זון, אויף א הארבסטיקער שוועל,
וואס וואלטן געטאן די מאטראסן אויף די שיפן,
און וואס וואלטן געטאן די פאסטוכער אין פעלד?

אַתָּה מֵבִיא סַעֲרוֹ שֶׁל יָם וּזְהַב שְׁקִיעָה לְכָל אֲתָר נִדָּח
(רַק זאת אֶרְאֶה: עַל אַרְמוֹנוֹת אַתָּה עוֹבֵר־פּוֹסֵחַ).

לוּלֵא הַשִּׁיר מִמַּעֲמַקִּים נֶחְצַב,
אֲשֶׁר כַּשֶּׁמֶשׁ עַל מִפְתָּן סְתָוִי זָרַח הוּא,
כִּי מֶה עָשׂוּ יוֹרְדֵי הַיָּם בָּאֳנִיּוֹת,
וּמֶה עָשׂוּ רוֹעֵי הַצֹּאן אֲשֶׁר בָּאָחוּ?

## א בוים מיט צווייגן

די צווייגן געבוירן דעם בוים.
אַט קוק ווי זיי קושן זיך איבער אין אונט
און שווייגן.
אַט קוק ווי געשלאָסן זיי זענען
די צווייגן
און ברענען
ווי הימלען אויף ערדישע קוילן.

די צווייגן געבוירן דעם בוים.
אַט קוק, ווי דער יאָדער שפּראָצט פון די טיפן
און פאַרקוקט מיט קלוגע אויגן
ווי אַן אַלטער זיידע.
וויל דער יאָדער זיין דער עדות
פון זיין ליכט־פונאַנדערבלי?
וויל דער יאָדער זיין אַן עדות
פון זיין מי?
פון פרימאָרגנס, וועלכע זייען טויען
צופוסנס פון דעם בוים?

די צווייגן געבוירן דעם בוים.
נו זיכער,
איז ניחא
דעם בוים.
נאָר לאָזט אים וואַקסן אין דער שטיל
און לאָזט די צווייגן טאַנצן זייער פריידיקן קאדריל.
לאָזט דעם יאדער חלומען און שווייגן
און אויסטרוימען:
אַ בוים מיט צווייגן.

## א י ל ן  ו ע פ א י ו

עֳפָאִים מוֹלִידִים הָאִילָן.
רְאֵה כֵּיצַד הֵם נוֹשְׁקִים זֶה לָזֶה לְעֵת עֶרֶב
וּמַחֲשִׁים.
רְאֵם נִצְמָדִים
וְדוֹלְקִים
כִּרְקִיעִים
עַל גַּחֲלֵי אֲדָמוֹת.

עֳפָאִים מוֹלִידִים הָאִילָן.
רְאֵה אֵיךְ נוֹבֵט הַחַרְצָן מִתְּהוֹמוֹת
וְצוֹפֶה בְּעֵינָיו הַנְּבוֹנוֹת
שֶׁל סָב וְזָקֵן.
הֲיָעִיד הַחַרְצָן בָּם אֶת אוֹר פְּרִיחָתוֹ ?
הֲיָעִיד הַחַרְצָן בָּם טָרְחוֹ וַעֲמָלוֹ ?
הֲיָעִיד עַל שְׁחָרִים שֶׁהִטְלִילוּ
מַרְגְּלוֹת הָאִילָן ?

אָכֵן !
עֳפָאִים מוֹלִידִים הָאִילָן.
כָּךְ לוֹ נִיחָא.
רַק תְּנוּ וִישַׂגְשֵׂג בִּדְמָמָה
וּתְנוּ לַעֳפָאָיו וְיָחֹלוּ קַדְרִילָם הָעַלִּיז
תְּנוּ לַחַרְצָן לַחֲלֹם וּלְהַחֲשׁוֹת
וְלַחֲזוֹת:
אִילָן וַעֳפָאָיו.

פשוטע ווערטער

איין דור פארן צווייטן
גרייט:
שלווה.
נאר ווער ווייס: וויפל שטורעמס
אין גאלדיקן זומער
באהאלטן.
ווער ווייס: וויפל בלעטער
אויף זוניקע בוימער
טרויערן און זינגען אין אבלות
זייער פחד אויס.

איין דור פארן צווייטן
גרייט:
שלום.
נאר ווער ווייס וויפל אפענע וואונדן
שפּיגלען זיך אין טיפע ברונעמער,
וויפל אויגן זינקען
אויף די טיפן
מיט א תפילה: גאָט פון רחמים
היט אונדז אויס.
ווער ווייס וויפל חנען,
ווי ווארצלען פארדארטע
זינגען ס׳לעצטע ליד
פון זייער לעבן.

טרויעריק אויף אלע ראנדן פון דער וועלט.
דער מזרח. דער מעריב. דער צפון. דער דרום.
איבער ליידיקע בעכער שיכורים זינגען:

## מלים כפשוטן

דור לְמַעַן דור
מְעַצֵּב
שַׁלְוָה.
אוּלָם מִי יֵדַע כַּמָּה סַעַר
צָפוּן
בִּזְהָבוֹ שֶׁל הַקַּיִץ.
מִי יֵדַע: כַּמָּה עַלְוָה
עַל עֵצִים שְׁטוּפֵי שֶׁמֶשׁ
מְתַנָּה אֶת אֶבְלָהּ
וּפַחְדָּהּ.

דור לְמַעַן דור
מְעַצֵּב
שָׁלוֹם.
אוּלָם מִי יֵדַע: כַּמָּה פֶּצַע
נִפְעָר בְּעִמְקֵי הַבְּאֵרוֹת,
כַּמָּה עֵינַיִם זוֹנְקוֹת לַמְּצוּלוֹת
בִּתְפִלָּה: אֱלֹהֵי הָרַחֲמִים
שָׁמְרֵנוּ!
מִי יֵדַע כַּמָּה חֵן עֲנוֹג־שֹׁרֶשׁ
שִׁיר אַחֲרוֹן לְחַיָּיו
יְלַחֵן.

יָגוֹן בְּכָל אֲתָר וַאֲתָר בָּעוֹלָם
מִזְרָח וּמַעֲרָב, צָפוֹן וְדָרוֹם.
עַל גְּבִיעַ רֵיקָן שִׁכּוֹרִים יְרַנֵּנוּ:
דָּם עֲלֵי שֶׁלֶג
דָּם עֲלֵי יְרַק־הַשָּׂדוֹת

בלוט אויף שניי,
בלוט אויף גרינע פעלדער.
בלוט אויף אלע וואסערן.
אויף אלע יבשות — פלאמען.

און דו, ליד מיינס —
ווילסט זון. ווילסט פרייד.
און שלווה. און שלום —
אין מיטן טאג ווילסטו תפילה טאן — —
און אויב דער טרויער שפרייזט אויף אלע ראנדן
פון דער וועלט
זאג דיין ווארט:
פרייד.
ברויט.
שלום.

דָּם עֲלֵי מַיִם
לֶהָבָה עַל יַבֶּשֶׁת.

וְאַתָּה, שִׁירִי —
לַשֶּׁמֶשׁ תַּעֲרֹג, לַשְּׂמָחוֹת,
לְשַׁלְוָה, לְשָׁלוֹם.
וּבְעֶצֶם הַיּוֹם — לִתְפִלָּה תִּכְמַהּ אַתָּה — —
וְאִם נוֹבֵט הַיָּגוֹן בְּכָל אֲתָר בָּעוֹלָם
אֱמֹר אַתָּה אֶת דְּבָרְךָ:
שִׂמְחָה,
לֶחֶם,
שָׁלוֹם.

*

איך האב באצאלט פאר אלץ:
פאר מיין ברויט, פאר מיין זאלץ,
פאר מיין וואסער אין טיפן,
פאר די שיפן
אין האפן
פאראנקערטע בלויז נאר צו ווייזן דער וועלט:
איך בין דא, דער זינגער פון אומעט אויף שליאכן.

פאר אלץ כ׳האב באצאלט —
פאר מיין זינגעדיק זעל,
פאר מיין זינדיקן שוועל,
פאר מיין ווילן צו זען דורך די פענסטער די שטערן,
פאר אלע חלומות, באגערן — —

כ׳האב באצאלט. כ׳האב באצאלט.
פאר מיין טפשות. פארשטאנד.
פאר מיין האקן מיין קאפ אין דער וואנט
באנעמען, פארשטיין:
א געוויין
אין פרימארגן פון טאג,
וואס טוט ער אליין
אויף די וועלטישע שליאכן.

כ׳האב באצאלט —
כדי צו הערן מיין טראט,
מיין קייקלען דעם ראד
אויף אומעטיקע וועגן
אין וואלד.

*

עַל הַכֹּל כְּבָר כִּפַּרְתִּי כַּדָּת:
עַל מֶלַח, עַל פַּת,
עַל מֵימֵי הַדְּלָיִם,
סְפִינוֹתַי
בַּנְּמָלִים,
שֶׁעָגְנוּ רַק כְּדֵי לְהָעִיד קֶבֶל עוֹלָם:
פֹּה אֲנִי, מְשׁוֹרֵר הַתּוּגָה בַּדְּרָכִים.

כִּפַּרְתִּי כַּדָּת:
עַל שִׁירֵי הַבּוֹטֶה,
עַל סְפֵי הַחוֹטֵא,
עַל לִרְאוֹת כִּי אֶתְאַב
כּוֹכָבִים בָּאֶשְׁנָב,
עַל כָּל שֶׁחָלַמְתִּי, עַל כָּל שֶׁנָּדַרְתִּי
כִּפַּרְתִּי, כִּפַּרְתִּי.

כִּפַּרְתִּי בְּלִי דַי
עַל שִׂכְלִי, עַל סִכְלִי,
עַל רֹאשִׁי בַּקִּיר כִּי הֻטַּח
לְפֵשֶׁר הַבְּכִי הַנִּדָּח —
כִּי מַה לּוֹ עֵת שַׁחַר יָהֵל
בְּדַרְכֵי הַתֵּבֵל?

כִּפַּרְתִּי בְּכָדִי,
עַל־מְנָת שֶׁאֶשְׁמַע צְעָדַי,
אֶת גִּלְגּוּל גַּלְגַּלַּי
בְּעַצְבוּת מִשְׁעוֹלִים
בִּיְעָרַי.

כ׳האב באצאלט —
ווייל אזוי האט געוואלט
מיין ליכטיקער טאג.

שִׁלַּמְתִּי נְדָרַי —
בַּאֲשֶׁר זֹאת חָפֵץ
יוֹמִי הַמּוּפָז.

## ויהי בוקר

ויהי בוקר —
נאכט שוין אויף יענער זייט ברעג,
ליפן פון קינדער פרעפלען מיט ציטער א תפילה.
אויף מיין וועג
טויבן שטילע,
ווי ווייסער שניי — — —
אוי, ווי איך בענק היינט נאך בארוועסע טריט פון א פריינט.

ויהי בוקר —
דער חלום אויף קינדערשע פליגל,
אוועק מיטן ווינט איז דער ניגון פון וויגל,
נאר דער ים,
ווי זינגענדיקער פלאם
שרייט:
אוי, ווי איך בענק היינט נאך בארוועסע טריט פון מאטראסן.

ויהי בוקר —
טויען פארטראגן אין ווייטן א סוד,
א קינד מיט א שמייכל קייקלט אין ווייטן א ראד,
א מאמע, ווי פלאקענדיקער דארן,
א פעלד אין בענקעניש נאך קארן
זינגען שטיל:
ווען וועט אנקומען צאפל און פרייד
אויף די חרובע וועגן? — —

## ו י ה י  ב ק ר

וַיְהִי בֹּקֶר —
כְּבָר לַיִל בַּחוּף שֶׁמֵּעֵבֶר
שִׂפְתֵי הַיְלָדִים בִּרְעָדָה תְּפִלָּה יְמַלֵּלוּ.
עַל דַּרְכִּי
יוֹנֵי־אֵלֶם
כְּלֹבֶן הַשֶּׁלֶג — —
הוֹי, מָה אֶכְמַהּ לִיחֵפוּת צַעֲדֵהוּ שֶׁל רֵעַ!

וַיְהִי בֹּקֶר —
הַחֲלוֹם, יַלְדוּתִי וּמְכֻנָּף
חָלַף עִם הָרוּחַ וְגָז שִׁיר הָעֶרֶשׂ
רַק הַיָּם
כְּלַהֶבֶת יִפְעַם
וַיִּזְעַק:
הוֹי, מָה אֶכְמַהּ לִיחֵפוּת צַעֲדֵי יוֹרְדֵי־מַיִם!

וַיְהִי בֹּקֶר —
סוֹד נוֹשְׂאִים הַטְלָלִים לַמֶּרְחָק,
מְרַדֵּף יֶלֶד קָט חִשּׁוּקוֹ בַּמִּשְׂחָק
אֵם — אוֹר־לַהֶבֶת שֶׁל סֵבֶל,
שָׂדֶה בִּכְמִיהָהּ אֱלֵי נֵבֶט
אַט יָשִׁירוּ:
אֵימָתַי יְבוֹאוּנוּ עוֹד רֶטֶט וָגִיל וְיִפְעֲמוּ
בִּדְרָכִים שֶׁנָּשַׁמּוּ? — —

## יעדער וויל זיין שטיקל חלק אויף דער וועלט

יעדער וויל זיין שטיקל חלק אויף דער וועלט.
איך בין אויך געקומען נעמען.
אויסגעשטרעקט מיין האנט:
כ׳שווער ביי וואס ס׳איז הייליק:
כ׳בין געקומען אפנעמען מיין חלק.

כ׳וויל מיין חלק פון דער זון און פון דעם טייך,
פון דער לאנקע און פון פעלד.
כ׳וויל א שטיקל יום־טוב אין מיין וואך
און א זאמען פרייד אין יאך.
כ׳וויל מיין חלק פון די גראזן און פון נעכט,
פון חלומות און פון ליד.
כ׳וויל א ברעקל טרייסט פון קנעכט,
ווען פריי די טריט
און אָפן טיר און טויער.
כ׳וויל מיין חלק אין דעם זכות פון ליכט
און אין גרויסן זכות פון טרויער.

יעדער וויל זיין שטיקל חלק אויף דער וועלט,
וויל איך אויך זיך מער ניט שעמען.
איך בין אויך געקומען נעמען.
כ׳וויל די זאפט פון יונגע ליפן
און די פרייד פון סאד אין בליהען.
כ׳וויל מיין ווארט אין מענטש פארקניפן,
העלפן אים ער זאל ניט קניען
ניט פאר טייוול, ניט פאר גאט — —
כ׳וויל דעם חלק פון מיין טראט
וווּ נאר זאוויערוכעס ווייען,
און א פולן עמער פרייד

## כ ל   א ד ם   ר ו צ ה   ח ל ק ו   ב י ק ו ם

כָּל אָדָם רוֹצֶה חֶלְקוֹ שֶׁלּוֹ בַּיְקוּם.
גַּם לִטֹּל חֶלְקִי שֶׁלִּי אָנֹכִי בָאתִי.
אֶת יָדַי אוֹשִׁיט
בַּקָּדוֹשׁ מִכֹּל נִשְׁבַּעְתִּי
אֶת חֶלְקִי שֶׁלִּי לִטֹּל פֹּה בָאתִי.

אֶת חֶלְקִי אֹבֶה בַּשֶּׁמֶשׁ, בַּנָּהָר,
בַּחֹרְשָׁה, בָּאָחוּ.
אֶת חֶלְקִי בֶּחָג, בְּיוֹם־הַחֹל
וְגַרְגִּיר שִׂמְחָה בַּסֵּבֶל וּבָעֹל.
אֶת חֶלְקִי מִן הַדְּשָׁאִים וְהַלֵּילוֹת
אֶת חֶלְקִי בְּשִׁיר וַחֲלוֹמוֹת,
בְּנֶחָמַת הָעֶבֶד עֵת נְשַׁל
כְּבָלָיו בְּמַיִם הַחוֹמוֹת.
אֶת חֶלְקִי בִּזְכוּת הָאוֹר אֲשֶׁר יַגִּהַּ
וּבְגֹדֶל זְכוּתָהּ שֶׁל הַתּוּגָה.

כָּל אֶחָד רוֹצֶה חֶלְקוֹ שֶׁלּוֹ בַּיְקוּם.
גַּם אֲנִי שׁוּב לֹא אֵבוֹשׁ מִכֹּל
גַּם אֲנִי חֶלְקִי שֶׁלִּי אָבוֹא לִטֹּל.
הָבוּ לִי עֲסִיס שִׂפְתֵי הַחֵן
אֶת שִׂמְחַת הַגַּן וְגִיל הַפֶּרַח,
לְאָדָם אַגִּיד דִּבְרֵי אָמֵן,
לְתָמְכוֹ לְבַל יִכְרַע שׁוּב בֶּרֶךְ
לֹא מִפְּנֵי אֱלוֹהַּ, לֹא מִפְּנֵי שָׂטָן — — —

אֶת חֶלְקִי שֶׁלִּי בָּזֶה הַצַּעַד
אֶל מְקוֹם סוֹפַת הַשֶּׁלֶג שָׁם תִּסְאַן.

פון די שיפן ווען זיי גייען — —
פון סירענעס וועלכע בלאנקען
פון די פּאַרטן צו די פּאַרטן,
טראַגנדיק אינזיך דעם אומרו:
גליק איז דאָרטן, ווייטער, דאָרטן...

כ׳וויל מיין חלק אין די וועלדער,
וועלכע וואַקסן ווי די טורעמס;
און פון רעגנס כ׳וויל אויך טראָפּנס
וועלכע פלייצן אין די שטורעמס;
כ׳וויל דעם סוד פון טיפן אומרו
אין די וואַלקן־נעכט אַרומעט,
כ׳בין אויף גאָרניט ניט מוותר,
ניט אויף פרייד און ניט אויף אומעט.
ווייל עס קומט מיר וויל איך נעמען,
כ׳בין געקומען זיך ניט שעמען.

און איבער אַלץ, מיין ליבער גאָט,
מיין חלק כ׳וויל אין קלוגן וואָרט,
ווו עס קומט נאָר אָן מיין טראָט
אויף יעדן וויסט־פאַרבויטן אָרט.
גיב מיין חלק מיר בשפע,
גיב מיר איבערפולטע עמער,
אַביסל מערער ווי עס קומט מיר
גיס אַריבער אין מיין זמר.
מיט דורשט מיין אָפּן אויג באַשטראַף,
מיין האַרץ מיט גלוסטונג און מיט לויבן.
מיין חלק תמימות, ווי ביי שאָף,
זאָל מיך צום פרייען ליד דערהויבן.
יעדער וויל זיין חלק אויף דער וועלט,
בין איך אויך געקומען נעמען.

הָבוּ לִי שִׂמְחָה, מְלוֹא קֻבַּעַת,
גִיל סִרֶנָה הַשּׁוֹרֶקֶת
וּסְפִינוֹת הַמְהַלְכוֹת
מִנָּמָל בּוֹאָן נָמָלָה
בְּשֵׂאתָן אִתָּן אִי־שֶׁקֶט:

אֲשֶׁר שָׁם הוּא, הָלְאָה, הָלְאָה...

תְּנוּ חֶלְקִי בְּתִמּוֹרָם
שֶׁל עֵצִים — צְרִיחֵי הַיַּעַר,
תְּנוּ טִפָּה מִן הַגְּשָׁמִים
הַהוֹפְכֵי מַבּוּל בַּסַּעַר.
תְּנוּ לִי סוֹד עִמְקֵי הָרַחַשׁ
בְּלֵילוֹת עוֹטְפֵי־עֲנָנֶת —
עַל דָּבָר לֹא אֲוַתֵּרָה,
לֹא עַל בֶּכִי, לֹא עַל רֶנֶן!

אַךְ מֵעַל לַכֹּל, אֵל חֶסֶד,
הָב לִי מֵחָכְמַת הַדֶּרֶךְ
אֶל אֲשֶׁר אַפְסִיעַ פֶּסַע
בְּאַתָּר בָּנוּי לְפֶרַע,
הָב לִי אֶל כֵּלַיי בְּשֶׁפַע
וּמַלְאֵהוּ עַל גְּדוֹתָיו
וּמָסְכֵהוּ לִי אֶל זֶמֶר,
כִּי צָמֵאתִי — הָב לִי רָב.
כִּי עֵינַי לָקְחָה בְּחֶמֶד,
סְגוֹר לִבִּי תַאֲוָה יַעֲצֹר
בְּתוּמַּת הַשֶּׁה לִי חֵלֶק
לְהָפְכוֹ לִי שִׁיר הַדְּרוֹר.
אֶת חֶלְקָם רוֹצִים הַכֹּל,
גַּם שֶׁלִּי אֹבֶה לִטֹּל.

## א מזמור

מיט שטראַלן־פּעדים האָט די זון דעם טאָג געשטעפּט.
פון קוואַלן איז אַ ניגון אויפגעשווומען.
אויף וועגן האָבן פּאַסטוכער געשעפּט
פולע עמערס פון אַ ברונעם.
און איך האָב געזונגען אַ מזמור.

אַ מזמור דעם לויטערן טאָג. אַ בן־יחיד אויף שליאַכן פאַרבליבן.
זיין וואָרט — אויף די טאָוולען פון ספרים — מיט יידישע אותיות.
געזען כ׳האָב צווישן די שורות פאַרשריבן:
ורוח אלהים מרחפת... אַזוי ווי אין מעשה בראשית
און איך האָב ווייטער געזונגען דעם מזמור.

אַ מזמור דעם ים און די וועלדער, די גרינקייט פון גראָזן
און אַלץ וואָס גייט אום אויף דער וועלט אין זוניקן גאַנג.
געזען כ׳האָב אַ וויזיע: נאַכט האָט די הימלען פאַרלאָזן,
אין מיטן אַ פעלד האָט געדאַוונט אַ זאַנג — —
און אַ מענטש — מיט אַ טרער אין די אויגן — האָט אַ ברכה
געמאַכט אויף אַ מזמור.

אַ מזמור מיט זוניקער פייפל, וואָס בת־קולט אויף לויטערע טרעפּ,
אַלץ העכער און העכער, און פאַרפלייצט מיט געזאַנגען
די שטעגן.
געהערט כ׳האָב אַ תפילה פון שורש און וואָס נאָר פאַרוועבט אין
געוועב,
איז מיר געגאַנגען מיט אָפענע אָרעמס אַנטקעגן — —
האָב איך פאַרטרונקען מיט לויטערן מזמור.

## ז מ ר

בְּקוּרֵי קַרְנֵי־אוֹר הַשֶּׁמֶשׁ הִתְפִּיר אֶת הַיּוֹם.
צָף נִגּוּן מֵעֵינוֹת הַמַּיִם.
בַּדְּרָכִים שֶׁאָבוּ רוֹעֵי־צֹאן
מִן הַבְּאֵר מְלוֹא דְּלָיִים.
וְאָנֹכִי פָּצַחְתִּי בְּזֶמֶר.

זֶמֶר לַיּוֹם הַבָּהִיר. בֵּן יָחִיד הוּא נוֹתַר עֲלֵי דֶרֶךְ.
דְּבָרוֹ בְּשַׁעֲרֵי הַסְּפָרִים — בְּכ״ב אוֹתִיּוֹת שָׁם הִרְטִיט:
וּבֵין הַשִּׁטִּין רָאִיתִי אַחַת מִתְבַּדֶּרֶת:
„וְרוּחַ אֱלֹהִים מְרַחֶפֶת”, כַּמְסֻפָּר בְּמַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית.
וְאָנֹכִי הִמְשַׁכְתִּי בְּזֶמֶר.

זֶמֶר לַיָּם, לַיְּעָרוֹת, שִׁיר לַדְּשָׁאִים הַיְּרֻקִּים
לְכָל הַחוֹלֵף בָּעוֹלָם שְׁטוּף־הַשֶּׁמֶשׁ.
וַאֲנִי בַּחֲזוֹנִי: הַלַּיְלָה נָטַשׁ הַשְּׁחָקִים
וּתְפִלָּה עִם שָׁדוֹת נוֹשֵׁם הוּא — — —
וְאָדָם — וְדִמְעָה בְּעֵינָיו — בֵּרַךְ עֲלֵי זֶמֶר.

זֶמֶר חָלִיל הַמְהַדְהֵד וְנִשָּׂא מִסִּלְסוּל אֶל סִלְסוּל
וְעוֹלֶה וְעוֹלֶה וּבְשִׁירָה הוּא מֵצִיף הַשְּׁבִילִים
שָׁמַעְתִּי תְּפִלָּה מִנִּי שֹׁרֶשׁ וְכָל הַנֶּאֱרָג עֲלֵי נוֹל
פָּרַשׂ זְרוֹעוֹתָיו לְמוּלִי — — —
אָז גָּמַעְתִּי צְלִילוֹת מִנִּי זֶמֶר.

*

טונקל.
ס'האט מיין שווייגן היינט א ליד געבוירן
כ'האב אויפגעשריבן ציטערדיק
און געמורמלט שטיל:
טרייסט פאר אלע די וואס וויינען אין גרויע פארנאכטן
און בענקען נאכן וואסערקוואל.

טונקל.
כ'האב מיין גומען אנפארטרויט א ווארט.
די זון איר שליחות אויף דער וועלט שוין אפגעטאן.
א נאכט, — אנגעגורט מיט אימה קלאפט אויף אלע טירן.
קום, דיכטער, מיט דיין ליד און זאג:
טרייסט פאר אלע די וואס וויינען אין גרויע פארנאכטן
און בענקען נאכן וואסערקוואל.

טונקל.
באשערט איז היינט דעם טאג צו בטארבן שטיל און רואיק.
און מארגן?
אויפגעריסן וועט ער ווערן אין זיין גאנג
און אויסגיין פלוצליג אָן א בענטשונג פאר א מידן גייער.
צינד, דיכטער, אן דיין ליד־לאמטערן און זינג:
טרייסט פאר אלע די וואס וויינען אין גרויע פארנאכטן
און בענקען נאכן וואסערקוואל.

אלע הייזער טובלען זיך אין שקיעה.
אין דער נידער שטארבן מיט הכנעה אלע וואנדער פון דעם טאג.
איינגעבראכן שטייען די מתפללים — —
ווער וועט רעטן? ווער וועט רעטן? — —

*

עֲלָטָה.
שְׁתִיקָתִי הַיּוֹם הוֹלִידָה שִׁיר.
עָלַי כְּתָב הֶעֱלֵתִיו בְּרַעַד
וּמִלְמַלְתִּי אַט:
נִחוּמִים לְכָל אֲשֶׁר בּוֹכִים בְּאַפְרוּרִית הָעֲרָבִים
וּכְמֵהִים אֶל עֵין הַמַּיִם.

עֲלָטָה.
אֶת דְּבָרַי מָנַעְתִּי מֵחִכִּי
שֶׁמֶשׁ שְׁלִיחוּתוֹ בַּיְּקוּם הִנֵּה סִיֵּם הוּא.
לַיְלָה — בְּאֶזֶר־אֵימָה דָּפַק עֲלֵי כָּל דֶּלֶת.
בּוֹא־נָא מְשׁוֹרֵר עִם שִׁירָתְךָ. הַגֵּד:
נִחוּמִים לְכָל אֲשֶׁר בּוֹכִים בְּאַפְרוּרִית הָעֲרָבִים
וּכְמֵהִים אֶל עֵין הַמַּיִם.

עֲלָטָה.
עוֹד מְנֵה לַיּוֹם הַזֶּה כִּי בּוֹא יָבוֹא אֶל מְנוּחָתוֹ.
וּמָחָר?
הוּא פִּתְאֹם יִפְקַע בְּהִלּוּכוֹ. הֵלֶךְ שֶׁעָיֵף לֹא יְבָרְכֵהוּ.
בּוֹא, הָאֵר פִּיּוּט בְּפִנְקָסְךָ־שִׁירְךָ וְשִׁירָה:
נִחוּמִים לְכָל אֲשֶׁר בּוֹכִים בְּאַפְרוּרִית הָעֲרָבִים
וּכְמֵהִים אֶל עֵין הַמַּיִם.

עֲלָטָה.
בַּשְּׁקִיעָה טוֹבֵל כָּל בַּיִת.
כְּבָר גּוֹוְעִים בְּרִדְתָּם כָּל פִּלְאֵי הַיּוֹם.
הַמִּתְפַּלְּלִים שַׁחִים כִּי בָּאוּ שֶׁבֶר.
מִי יַצִּיל? וְהַצָּלָה מִנַּיִן?

ווער וועט טיר און טויער עפענען דעם נייעם טאג?
שטיי איך לעם מיין בוים און זאג מיט ציטער:
טרייסט פאר אלע די וואס וויינען אין גרויע פארנאכטן
און בענקען נאכן וואסערקוואל.

מִי יִפְתַּח לְיוֹם חָדָשׁ מַנְעוּל וְשַׁעַר ?
אֶעֱמֹד עַל יַד עֲצִי וַאֲדוֹבֵב בְּרַעַד :
נְחוּמִים לְכָל אֲשֶׁר בּוֹכִים בְּאַפְרוּרִית הָעֲרָבִים
וּכְמֵהִים אֶל עֵין הַמַּיִם.

*

אויף אלע וועגן, ווו נאר כ'קום צוגיין —
א בלאער וואלקן אין די הימלען.
א טייך מיט פולע וואסערן.
איז עס ניט א סימן:
ווייטער, ווייטער גיין
מיט טיפן גלויבן,
מיט אויגן אפענע,
מיט טויזנט זונען אין שפעדיקן הארץ.

אויף אלע שטעגן, ווו נאר כ'שטעל מיין טראט —
א האנט, אן אויסגעשטרעקטע פון א פריינד.
איז עס ניט א סימן:
אז ערגעץ דארטן האבן זיך אלע זומערן מיינע
אויפגעקליבן
אוןווארטן אויפן גאסט?...

אויף אלע בייטן, ווו נאר אקער האט א גראב געטאן
און בלאנקער שארף האט זיך אין טיפן איינגעשניטן,
ווי סטרונעס פון א פידל צאפלענדיק אין הענט פון פידלער — —
איז עס ניט א סימן:
א מזל־ברכה־רעגן וועט א פלייץ טאן
איבער וועלטן
און א מענטש
מיט קוואלעדיקן שמייכל,
וועט טאנצן אין קאדריל
פון פרייד.
פון היים.
פון ווייב און קינד
און ברויט?

*

בְּכָל הַדְּרָכִים וּלְכָל שֶׁאָבוֹא —
עֲנָנַת כְּחֻלָּה בַּשָּׁמַיִם,
מְלוֹא נַחַל מַיִם.
כְּלוּם אֵין זֶה הָאוֹת:
לְהַמְשִׁיךְ וְלִצְעֹד,
בִּדְבֵקוּת־אֱמוּנָה,
בְּפֶקַח־עֵינַיִם
בְּאֶלֶף שְׁמָשׁוֹת בַּלֵּב הַפּוֹחֵחַ?

בְּכָל הַנְּתִיבוֹת וּלְכָל שֶׁאֶצְעַד —
יָדוֹ הַמּוּשֶׁטֶת שֶׁל רֵעַ.
כְּלוּם אֵין זֶה הָאוֹת:
כִּי אֵי־שָׁם הִתְפַּקְּדוּ כָּל קִיצַי
וּמְצַפִּים לְאוֹרֵחַ?

בְּכָל הַשְּׂדֵמוֹת, בֵּין מַחֲרֶשֶׁת עָבְרָה
וְלַהַב בּוֹהֵק אֶת הָעֹמֶק פִּלֵּחַ
כֹּרַתְתְּ מֵיתָרִים תַּחַת יַד הַנַּגָּן — —
כְּלוּם אֵין זֶה הָאוֹת:
גֶּשֶׁם בְּרָכָה עוֹד יַצִּיף עוֹלָמוֹת
וְאָדָם —
עוֹד חִיּוּךְ בּוֹ יְפַךְ
וּמָחוֹל
שֶׁל שִׂמְחָה,
שֶׁל בַּיִת,
שֶׁל אִשָּׁה, שֶׁל יֶלֶד
וּפַת?

*

ביים אָרעמען געצעלט — אַזעלכע ליכטיקע פּאַרטאָגן,
ווי ווײַסער שניי.
ווי גרויס דער ווײ
פון אָרעמקייט און עלנט זאָל ניט זײַן,
פאַרנעם דעם תהילים זאָגן
פון אָרעמען געצעלט.

ביים אָרעמען געצעלט — בלויע זונען פינקלען אויפן גראָז.
ווי אַ ריינער גלאָז
פינקלט אָרעמקייט און רעדט:
יום־טובדיק די בעט.
שבתדיק דער טיש.
האַרציקע ניגונים, ווי אויף פריילעכע ירידן
דערציילן פּשוט:
מיר ווילן ברויט. מיר ווילן פרידן.

איבערן אָרעמען געצעלט הענגט אַ הימל מיט אַזויפיל שטערן.
הענגען קלוגע ווערטער.
ווער ס׳קען הערן
און פאַרנעמען
דער פאַרשטייט דעם ציטער:
ווי ביטער
ס׳איז דער קלעם
פון אָרעמקייט אַרום,
אַזוי זיס דער קול, דער טרער,
וואָס קלינגט
און שפּרינגט
אַרום אין אָרעמען געצעלט.

ביים אָרעמען געצעלט כ׳בין שטיין געבליבן
און פאַרבליבן.

*

מוּל בִּקְתַּת הֶעָנִי — כֹּה אוֹרִים הַשְּׁחָרִים,
כְּלֹבֶן שְׁלָגִים.
וּכְכָל שֶׁיִּרְבֶּה
כְּאֵב דַּלּוּת וּבְדִידוּת,
תָּא וּשְׁמַע
אֲמִירַת הַתְּהִלִּים
בְּבִקְתַּת הֶעָנִי.

מוּל בִּקְתַּת הֶעָנִי — כְּחֹל־שְׁמָשׁוֹת עֲלֵי עֵשֶׂב.
כְּזַכּוּת הַזְּכוּכִית
תִּתְנוֹצֵץ הַדַּלּוּת וְתַגִּיד:
עָרוּךְ הַשֻּׁלְחָן
הַמִּטָּה מוּצַעַת
נִגּוּנִים מִנִּי לֵב, כִּירִידִים בְּצָהֳלָם
מְסַפְּרִים בְּפַשְׁטוּת:
אֵינוֹ שָׁלוֹם, אֵינוֹ לֶחֶם.

עַל בִּקְתַּת הֶעָנִי — רְקִיעִים וְכוֹכָב
וְחָכְמַת הַמִּלִּים.
הַמַּאֲזִין
הוּא יָבִין
לְפִשְׁרוֹ שֶׁל הָרֶטֶט:
כְּכָל שֶׁיֵּמַר
סַד־עֱנוּת הַדַּלּוּת
כֹּה יִמְתַּק עוֹד הַקּוֹל וְהַדֶּמַע
הַמְּהַדְהֵד
וּמְכַרְכֵּר
בְּבִקְתַּת הֶעָנִי.

אֶל בִּקְתַּת הֶעָנִי צַעֲדִי אֲקַבֵּץ
עַד קֵץ.

## א ליד פאַר מיר און פאַר דיר

ווי לאַנג ס'וועט די זון אין מיינע אויגן שפּיגלען,
וועל איך זוכן דעם לויטערן באַגין.
וועלן טונקלען זיך די יאָרן,
זעטיקן מיין לעבן מיט יאָכיקן געראַנגל:
אַהער אָדער אַהין —
וועל איך שטענדיק צופאַלן
צו קוואַלן
און טרינקען אָן אַ שיעור, —
ביז עס וועט מיין טאָג
פאַרוואַנדלען זיך אין שיר.

ווי לאַנג עס וועלן מיינע הענט צו רייפקייט ציען, —
זוכן כ'וועל מיין אויפגעאַקערט פעלד.
וועט דער שניטער מיד אויף זיינע בייטן קניען
מיטן סערפּ אין האַנט
און בלייבן שטיין מיט אָפּגעהאַקטער תּפילה
אינמיטן וועלט,
וועל איך מיטן קאָפּ אין וואַנט
אויפהאַקן צונויפגעפּרעסטע ציגל,
אויפרייסן חלומות צום לויטערן באַגין —
ווי צוויי צעשפּרייטע פליגל.

ווי לאַנג דער דמיון מיינער וועט פאַרשיכורט זיין פון ליד —
וועל איך נישט ווערן מיד
צעשפּריצן פונקען פון אומרואיקע טעג
און היטן, אַז אין אימה פון רואינען
זאָל מיין גלויבן נישט צערינען,
זוכנדיק דעם טוי פון לויטערן באַגין.

## שִׁיר לְךָ וְלִי

כָּל עוֹד שֶׁמֶשׁ בְּעֵינַי יָגַהּ אוֹרוֹ
אֲחַפֵּשׂ אֶת צְלִילוּתָהּ שֶׁל שַׁחֲרִית.
וְהָיָה אִם יַאֲפִילוּ שְׁנוֹת עֲצֶבֶת
לְהַשְׂבִּיעַ אֶת חַיַּי בִּמְרִי הַלֶּבֶט —
לְכָאן אוֹ לְכָאן,
לְעוֹלָם אֶכְרַע עַל הַמַּעְיָן
וְאֶגְמַע מִמֶּנּוּ לִרְוָיָה וְלֹא אוֹתִיר
עַד כִּי יֵהָפֵךְ יוֹמִי
לְשִׁיר.

כָּל עוֹד לִבְשֵׁלוּת תִּכְמַהְנָה שְׁתֵּי יָדַי —
אֲבַקֵּשׁ לִי נִיר חָרוּשׁ שֶׁבְּשָׂדַי.
עֵת קוֹצֵר עֲלֵי גָּדִישׁ יִכְרַע אַט
וְיָדוֹ אֲשֶׁר יָדְעָה קָצִיר
תֵּאָלֵם בִּדְמִי עוֹלָם כְּמוֹ תְּפִלָּה נִכְנַעַת,
בְּרָאשִׁי אַבְקִיעַ אֶת אַבְנֵי הַקִּיר
אֶל חֲלוֹם־שַׁחֲרִית הָעוֹלָה מִיַּרְכְּתַיִם
בְּפֵרוּשׂ כְּנָפַיִם.

כָּל עוֹד דִּמְיוֹנִי יִהְיֶה שִׁכּוֹר מִזֶּמֶר
עֲיֵפוּת שׁוּב לֹא אֵדַע גַּם אֲנִי
לַחְצֹב מִסַּאַן הַיָּמִים נִיצוֹץ וָרֶשֶׁף,
בַּל תִּמֹּג מִפְּנֵי אֵימַת הֶחֳרָבוֹת
אֱמוּנָה אֲשֶׁר לִמַּדְתְּנִי לְקַוּוֹת,
בְּחַפְּשָׂהּ טַל־צְלִילוּתָהּ שֶׁל שַׁחֲרִית.

כָּל עוֹד יַעַצְרוּ כְּתֵפַי לָשֵׂאת בָּעֹל
חֳרָפִים וְקַיִץ, אֲבִיבִים וּסְתָו,
מוּל אוֹר הַשַּׁחֲרִית

ווי לאַנג פלייצעס וועלן אויסטראָגן דעם עול
פון זומערן און האַרבסטן, פון פרילינגען און ווינטערס,
וועל איך ציטערן אין מאָרגן־שיין
ווי ס׳ציטערט שעפסן־וואָל
אין אָנקלאַנג פון דער שער,
ווי ס׳פינקלט אויף אַמאָל
אין אויג אַ טרער —
פון גרויס באַגער
צו זיין דער אונטערצינדער
פון מיין פיין
און אין פלאַקער
אויסזינגען דאָס ליד פון אַקער
אין לויטערן באַגין.

ווי לאַנג דאָס אויג וועט תפילה טאָן צו תבואה,
און צו גאָלד פאַרזייט אויף בייטן,
וועלן מיינע ליפּן מיט הנאה ריידן
שטילע רייד אין וואָרט און שטומעניש.
וועל איך איינהאַלטן מיין טאָג מיט צוים,
וועל איך איינהאַלטן מיין נאַכט,
און ביידע זיי באַשווערן:
זוכן דעם באַגין, ווי ס׳זוכט אַ דורשטיקער אין טרוים
זיין קוואַל,
ווי ס׳זוכט אַ מידער זיינע שטערן
אויפן הפקרדיקן דרויסן.
זוכן און געפינען.

אַרְעִיד
כֹּרֶתֶת גִּזַּת הַצֶּמֶר
בְּלַהֲבֵי הַגֵּז,
כְּמוֹ נִצְנוּץ הַדֶּמַע בְּיַרְכְּתֵי הָעַיִן
מִגֹּדֶל הַתְּשׁוּקָה
לַעֲשׂוֹת סִבְלִי אֲבוּקָה,
וּלְשַׁלְהַבְתָּהּ
לָשִׁיר אֶת שִׁיר הֶחָרִישׁ
וְשַׁחַר כִּי אָתָא.

כָּל עוֹד עֵינַי תִּשָּׂא תְּפִלָּה אֱלֵי דָּגָן
אֶל זְהַב גַּרְעִין אֲשֶׁר נִזְרַע בַּתֶּלֶם,
שְׂפָתַי הַנֶּהֱנוֹת יְדוֹבְבוּ בָּאֹלֶם.
יָמַי וְלֵילוֹתַי אֶתְּנֵם בְּרֶסֶן
וְאַשְׁבִּיעֵם לֵאמֹר:
בַּקֵּשׁ אוֹר־שַׁחֲרִית כְּמוֹ צָמֵא מַבּוּעַ
כְּהֵלֶךְ כּוֹכָבָיו
עַל פְּנֵי הֶפְקֵר חוּצוֹת,

בַּקֵּשׁ וְגַם לִמְצֹא.

## שיר השירים

דאס ליד פון לידער — א גאנצן לעבן אפגעבענקט
נאך ווארט. נאך פולן קערן.
וויפל נעכט דיין אויג געבליבן אפן
ציילענדיק די ווייטע שטערן
אין בענקעניש נאך:
דאס ליד פון לידער.

פון וואנעט קומט דאס ווארט? פון טיפעניש פון טאג,
פון הונגער דיינעם, פון אומרו און באגערן.
וויפל טעג דו האסט געאקערט און געזייט,
וויפל יארן האסט געגלויבט: ס'וועט ווערן — —
בענקסט נאך היינט אן אויפהער
נאך:
דאס ליד פון לידער.

דיין אויער אנגעשפיצט אין לויער.
אלפן און ביתן, גימלען
שטעלן אויס זיך אין א שורה.
זע:
ווי א סנה
ברענען אלע הימלען
און דו אינמיטן אלע שרפות
בענקענדיק נאך:
דאס ליד פון לידער.

ניט הימליש איז דאס ליד. ערדיש איז דאס ווארט.
זוך עס אין די בייטן. אין דעם פויערס פלוגן.
זוך ניט אין די ווייטן. אויף דיינע שוועלן

## שִׁיר הַשִּׁירִים

שִׁיר הַשִּׁירִים — כָּל יָמֶיךָ כָּמַהְתָּ
לַמִּלָּה. לַגַּרְעִין הַבָּשֵׁל.
כַּמָּה לֵילוֹת פָּקַחְתָּ עֵינַיִם
לִמְנוֹת בְּרַחֲקָם אֶת כּוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם
בִּכְמִיהָה אֱלֵי
שִׁיר־הַשִּׁירִים.

מִנַּיִן תָּבוֹא הַמִּלָּה. מֵעִמְקָיו שֶׁל הַיּוֹם.
מֵרְעָבְךָ, חֶרְדָּתְךָ, תְּשׁוּקוֹתֶיךָ.
כַּמָּה יָמִים חָרַשְׁתָּ, זָרַעְתָּ,
כַּמָּה שָׁנִים הֶאֱמַנְתָּ: יֵיתֵי עוֹד — —
גַּם הַיּוֹם עוֹד תִּכְמַהּ בְּלִי הֶרֶף
אֶל
שִׁיר הַשִּׁירִים.

הָאֹזֶן כְּרוּיָה וּמַקְשֶׁבֶת:
אוֹת אַחֲרֵי אוֹת בַּשּׁוּרָה מִתְיַצֶּבֶת.
רְאֵה:
הַשְּׁחָקִים — כְּמוֹ סְנֶה מִתְלַקֵּחַ
וְאַתָּה בְּתוֹכָן שֶׁל שְׂרֵפוֹת
וְכָמֵהַּ
אֶל שִׁיר הַשִּׁירִים.

לֹא בַּשְּׁחָקִים הוּא הַשִּׁיר. הַמִּלָּה מִנִּי אֶרֶץ צוֹמַחַת.
בַּקַּשָּׁה בָּאֲלֻמּוֹת־הַגָּדִישׁ. בְּלַהֲבֵי הַמַּחֲרֵשָׁת.
לֹא בַּמֶּרְחָק תִּסְתַּתֵּר. עַל סִפְּךָ הִיא מֻנַּחַת,

וואַלגערט זיך דאָס וואָרט פֿון דײַן קלוגן
טאַטן.
שפּיץ אָן דײַן אויער. הער געוואַי אַרום.
פֿאַרנעם.
דאָס איז אַלעס.
ברודער לעבן, רוף עס אָן:
התגלות.

בְּעָפָר תִּתְפַּלֵּשׁ מִלָּתוֹ שֶׁל הָאָב
הַפִּקֵּחַ.
כְּרֵה אָזְנְךָ וְהָבֵן:
זֶה הַכֹּל. תָּם.
אָחִי! לָזֹאת קְרָא בְּשֵׁם:
אִ תְ גַּ לּ וּ תָ א!

## פון וואנען ביזטו אנגעקומען?

פון וואנען ביזטו אנגעקומען?
— כ׳האב דערהערט א צווייגן בראך
אין גרויסן וואלד;
כ׳האב דערזען מיין שבת, וואך,
ווי שווארצע, אבלדיקע ליכט,
בין איך אוועק צו נייע קוואלן.

פון וואנען ביזטו אנגעקומען?
— פון זאוויערוכעס, שנייען,
פון ווילדן רויש און הפקרדיקן ברומען,
מיין ליד געצאפלט זיך אין ווייען,
מיין אויג — ווי חשוונדיקער אומעט אין מיין שטעטל,
בין איך אוועק צו נייע קוואלן.

פון וואנען ביזטו אנגעקומען?
— פון אומעטיקע וועלט־עקן,
ווען פראסט האט אלע שויבן שטארק פארקלעמט
און אויף אלע וואקזאלן — שרעקן,
האב איך מיין טארבע אויף די אקסלען ארויפגעווארפן
און היידא —
צו נייע קוואלן.

כ׳בין אנגעקומען.
מיין עלנד כ׳האב מיטגענומען אויך אהער.
מיין ווארט, מיין טרער,
מיין בעט, מיינע ווייסע טויבן
פון מיין היים,
און מיין גלויבן — — —

## מְ נַ יִ ן  תָּ בוֹ א

מְנַיִן תָּבוֹא?
שָׁמַעְתִּי קוֹל נֶפֶץ בַּדִּים
בְּיַעַר עָבוֹת.
חָלַי, שַׁבְּתוֹתַי רְאִיתִים
וְהֵם כִּנּוֹרוֹת עֲשֵׁשִׁים
וָאֶפְנֶה לְבַקֵּשׁ מַעְיָנוֹת חֲדָשִׁים.

מְנַיִן תָּבוֹא?
מִזַּעַף סוּפוֹת, מִשְּׁלָגִים גּוֹעֲשִׁים,
מֵהֶפְקֵר הָרְחָשִׁים,
מִן הַיְלֵל הַפִּרְאִי
שָׁם פִּרְפֵּר בְּצִירָיו גַּם שִׁירִי.
עֵינַי — כְּתוּגַת הַחֶשְׁוָן בְּעִירִי
וָאֶפְנֶה לְבַקֵּשׁ מַעְיָנוֹת חֲדָשִׁים.

מְנַיִן תָּבוֹא?
מִקַּצְווֹת הַתֵּבֵל הַנּוּגִים
לְעֵת הִצָּבֵת הַשְּׁמָשׁוֹת בִּכְפוֹרָן
וּבְכָל בָּתֵּי הַנְּתִיבוֹת — הַמּוֹרָא.
וָאֶטֹּל תַּרְמִילִי עַל כְּתֵפַי לְהַפְשִׁיל
וְהָלְאָה! —
אֱלֵי מַעְיָנוֹת חֲדָשִׁים.

הִגַּעְתִּי.
בְּדִידוּתִי גַּם לְכָאן נְטַלְתִּיהָ עִמִּי.
אֶת דְּבָרַי. אֶת דִּמְעִי.
מִטָּתִי. יוֹנוֹתַי הַצְּחוֹרוֹת
בְּנוֹת־נָוִי.

כ׳בין דערגאנגען צו מיין שוועל.
איבער מיין נאכטיקן געזיכט
א פלייץ געטאן האט ליכט...

אֱמוּנַת־לְבָבִי.

בָּאתִי עַד סַף, עַד סִפִּי וָאַגִּיעַ.
עַל פְּנֵי הַלֵּילִים
אוֹר הִגִּיהַּ.

*

א מאל אין דער נאכט
הער איך א בת־קול. פארנעם איך א ציטער
פון גרויסן געוויטער.
פארשווייג איך, ווי טוי אויף די גראזן.
פארזינק איך אלץ טיפער.
די שיף האט פארלאזן
דעם שיפער.
פון תהומות וויינט ארויס מיין יידיש לעבן.

א מאל אין דער נאכט
צעזינגט זיך מיין לעבן אזוי:
ווו איז דיין שומר? ווו איז דיין היטער?
דעהער איך א בת־קול, פארנעם איך א ציטער
פון גרויסן געוויטער.
א פארגליווערטער זינק איך אין אפגרונטן טיפע.

א מאל אין דער נאכט,
צערעדט זיך מיין שטומקייט, ווי אייזן צעגליטער:
וואס האסטו געבראכט פון געוויטער?
— א שפליטער
פון אייביקן אומרו אויף וועלט־האריזאנטן,
א ווילן, א שטראל,
א בענקשאפט
צו טרינקען פון יידישן קוואל
און פון יידישן גורל.

אֵי־פַּעַם בַּלַּיִל
אַקְשִׁיב לְבַת־קוֹל. יֹאחֲזֵנִי אָז רֶטֶט
סוּפָה הַשּׁוֹעֶטֶת.
אַחֲרִישׁ אָז כַּטַּל עֲלֵי עֵשֶׂב,
הַתְּהוֹמָה אֶצְלוֹלָה —
הַסְּפִינָה, אָבַד קְבַרְנִיטָהּ לָהּ.
כָּל חַיֵּי אֲמִתִּי מִתְּהוֹמוֹת יִתְיַפָּחוּ.

אֵי־פַּעַם בַּלַּיִל
בְּזֶמֶר פּוֹרְצִים כָּל חַיַּי.
אַקְשִׁיב לְבַת־קוֹל. יֹאחֲזֵנִי אָז רֶטֶט
סוּפָה הַשּׁוֹעֶטֶת.
אֶצְלֹל אֱלֵי תְּהוֹם דּוּמָם כְּמוֹ אֶבֶן.

אֵי־פַּעַם בַּלַּיִל
יִפְרֹץ בִּי הָאֵלֶם — פְּלָדָה מְלֻהֶטֶת
מַה־לָּךְ תָּבִיא הַסּוּפָה הַשּׁוֹעֶטֶת?
רֶטֶט
שֶׁל רַחַשׁ נִצְחִי מֵאֹפֶק אֶל אֹפֶק,
כְּמִיהָה וְגַעְגּוּעַ,
צִפּוּת וְיַחַל
לִשְׁאֹב מִמַּבּוּעַ
גּוֹרַל יִשְׂרָאֵל.

גוטר שכן מיינער. אזויפיל ליכט אין דיין אומרו ליגט פארבארגן.
א גוט מארגן דיר. א גוט מארגן.

גוטער שכן מיינער. פלוצלינג, ווי צום ערשטן מאל
דערהערט איך האב דיין תהילים זאגן. ממעמקים האסטו אויסגעזונגען
מיט אמאל.
ממעמקים — האב איך מיטגעזונגען מיט מיין גוטן שכן.

פונוואנען קומט ער אן מיין גוטער שכן?
— פון ליכטיקע שבתים, וואכן,
פון געוואגטע יאכן.
פון דארט ווו יידן קלאגן — — —

שכן מיינער, שכן:
לאמיר אונדזער צער דערטראגן
און פונסניי: היינט און מארגן:
כ'וועל אנטקעגן דיר
מיין גוט מארגן
טראגן.

## שכני הטוב

שְׁכֵנִי הַטּוֹב שֶׁלִּי, בְּרַחַשְׁךָ כֹּה רַב הָאוֹר,
בֹּקֶר טוֹב לְךָ, בֹּקֶר אוֹר!

שְׁכֵנִי הַטּוֹב שֶׁלִּי, אֶל אָזְנִי בָּרִאשׁוֹנָה הִגִּיעָה פֶּתַע
אֲמִירַת תְּהִלִּים שֶׁלְּךָ, מִמַּעֲמַקִּים פִּתְאֹם קָרָאתָ.
מִמַּעֲמַקִּים — יַחְדָּו שׁוֹרַרְתִּי עִם שְׁכֵנִי הַטּוֹב.

זֶה שְׁכֵנִי הַטּוֹב מִנַּיִן בָּא הוּא?
מִנִּי שַׁבָּתוֹת בָּאוֹר נִבְרָאוּ,
מִנִּי יְמֵי חֻלִּין רַבֵּי־הַסֵּבֶל
מִמְּקוֹם יְהוּדִים שְׁרוּיִים בְּאֵבֶל...

שְׁכֵנִי שֶׁלִּי, שְׁכֵנִי
הָבָה וְנִשָּׂא יַחְדָּו צַעֲרֵנוּ
וּמֵחָדָשׁ, הַיּוֹם, כִּתְמוֹל וּכְשִׁלְשׁוֹם
לִקְרָאתְךָ אֶשָּׂא
אֶת בִּרְכָתִי
שָׁלוֹם.

## צער

אויף מיינע הענט דער צעריסענער טלית
פון מיין טאַטן.
אויף מיין וועג —
דער יידישער דלות
פון חרובע נחלות.
קלייבט אויף דעם יחוס פון טאַטע און מאַמע.
קלייבט אויף פון פלאַמען
די יידישע זריעה.
זאַמלט די גוטסקייט פון יידישע אויגן.
זאַמלט די פסוקים פון תהילים,
בעל־פה און בכתב — שטיל אים
דיין צער
מיט געדולד און מיט כבוד
פאר טאַטנס ירושה.

הויך איז דער בארג. פארייס דיין קאָפּ אין די הויכן
און גלויב:
דעם צעריסענעם טלית פון טאַטן
פארנייען, פארלאַטען
און וועלן מיט הארץ־קלאַפּ דעגרייכן
דעם צער פון דיין מאַמען.

אזוי זאָגט דיין קינד:
איך האָב זיך מיט גלויבן באַפּאַנצערט, באַוואָרנט
ירושה צו היטן
און זינגען ביים שניט פון צעוואַקסענעם קאָרן
דאָס ליד פון זכרון.

# צ ע ר

עַל זְרוֹעַי טַלִּיתוֹ הַקְּרוּעָה שֶׁל אָבִי.
בִּדְרָכַי
הַדַּלּוּת הַיְהוּדִית
שֶׁל נַחֲלוֹת חֲרֵבוֹת.
לַקְּטוּ אֶת כִּתְבֵי הַיְחָסִין שֶׁל אִמּוֹת וְאָבוֹת
לַקְּטוּ אֶת זַרְעֵי־יִשְׂרָאֵל
מִבֵּין לֶהָבוֹת.
אִגְרוּ אֶת פְּסוּקֵי הַתְּהִלִּים
אִסְפוּ אֶת חֵן־מֶבָּטָן
שֶׁל עֵינֵי יִשְׂרָאֵל.
בְּעַל־פֶּה וּבִכְתָב —
הַחֲנֵק צַעַרְךָ
בְּיִרְאַת הַכָּבוֹד
לְמוֹרֶשֶׁת אָבוֹת.

הֶרָה!
שָׂא אֶת רֹאשְׁךָ לַמְּרוֹמִים
הַאֲמֵן:
עוֹד תְּתֻקַּן, תְּטֻלָּא
טַלִּיתוֹ הַקְּרוּעָה שֶׁל אַבָּא.

עוֹד יַרְטִיט בַּהֲלָמוּת הַלְּבָבוֹת
צַעֲרָהּ שֶׁל אִמָּא.
וּבִנְךָ כֹּה יַגִּיד:
אֱמוּנָה לִי שִׁרְיוֹן וְשִׁרְיָה
עַל מִשְׁמַר־מוֹרָשָׁה
וְעִם קְצִיר הַדָּגָן הַבָּשֵׁל שִׁירִי עוֹד יָרֹן
זִכָּרוֹן.

און אויך ד אָ מיט שירה דערטראָגן
דעם צער און די קלאָגן
פון יידישע היימען.

כִּי גַם פֹּה אֶשָּׂא בְּשִׁירָה
צַעֲרֵי הָאָבֵל
עַל בָּתֵּי יִשְׂרָאֵל.

## דער נר־תמיד

דער בעל־תפילה געשטאָרבן ביים עמוד.
דער שמש
געזוכט האָט א ליכט, א נר־תמיד
און האָט ניט געפונען.
איז דער שמש אין דרויסן אַרויס.

פוסט. איבער אן ארעמען דאַך
פון א הויז
שפרינגען שטערן אַהין און צוריק
געוואָלט האָט דער שמש אָ קדיש הײנט הערן.
נאָר אַ טויטער שאָטן
אויסגעשפרייט ארום און ברומט:
א לעבן אויף בלוטיקע שליאכן צעטראָטן.

קלייבט דאָרט דער שמש אויף וועגן ניגונים.
אַ פויער פירט זיינע סנאָפּן אין שייער.
נאָר זיין חלום פארוואָגלט, צערונען
זיין ליד זוכט אַ זינגער אַ נייעם.

אויף בלויע הימלען הענגט א באגין
מיין טייערער שמש, מיין נר־תמיד געפין!

## נ ר   ה ת מ י ד

בַּעַל הַתְּפִלָּה מֵת עַל יַד הָעַמּוּד·
הַשַּׁמָּשׁ
גִּשֵּׁשׁ אַחֲרֵי נֵר —
אַחֲרֵי נֵר־הַתָּמִיד
וּמָצוֹא לֹא מָצָא.
יָצָא הַשַּׁמָּשׁ אֶל הַחוּץ
הַמַּשְׁמִים.

עַל גַּג בַּיִת דָּךְ
אָנָּה וָאָנָּה מְנַתְּרִים כּוֹכָבִים.
בִּקֵּשׁ הַשַּׁמָּשׁ לְהַקְשִׁיב לִתְפִלַּת הַקַּדִּישׁ,
אַךְ צֵל בַּר־מִינָן
סְבִיבוֹ הִשְׂתָּרַע כְּרוֹטֵן:
הָיוּ הַחַיִּים לְמִרְמָס בִּדְרָכִים עֲקוּבוֹת מִנִּי דָם.

מְלַקֵּט הַשַּׁמָּשׁ נִגּוּנִים בַּדְּרָכִים.
אֲלוּמּוֹת נוֹשֵׂא לוֹ אִכָּר אֱלֵי גֹּרֶן.
אַךְ נָמֹג חֲלוֹמוֹ וְאָבַד
וּמְבַקֵּשׁ נִגּוּנוֹ מְנַגֵּן לוֹ חָדָשׁ.

שַׁחֲרִית נִתְלְתָה עַל כְּחֹל־רְקִיעִים כְּלַפִּיד
שַׁמָּשִׁי הַיָּקָר! קוּם וּמְצָא אֶת נֵר הַתָּמִיד.

ליידיק דער עמער און ליידיק דער ברונעם.
סוף טאג.
די פאסטוכער האבן אויסגעשעפּט די שטראלן פון דעם טאג
און אוועק.
דער ניגון מיט זיי. אויך דער אומעט.
ווער איז פארבליבן אויף ליידיקע וועגן?

עלנד אויף פעלדער. עס וויינען די בייטן.
סוף טאג.
דער שניטער איז אוועק זיין מידן קאפּ
אין שייער לייגן.
וואס איז פארבליבן אויף וועגן?
אוועק מיט זיי די סנאפּן — —
אוועק מיט זיי דער חלום.
סוף טאג.

שרעק ליגט אויסגעשפּרייט ארום.
אימה אויף וועגן, צער אויף די שטעגן.
סוף טאג.
א דארשטיקער באראן, ווי פון דער עקידה אנטלאפן.
א סטאדע שאף האט קיין וואסער געפונען.
די פאסטוכער האבן די ברונעמער אויסגעשעפּט.
די שניטער האבן אויף בייטן קיין סנאפּן געפונען,
ס'האט זיי דער פייער אין שייער פארשלעפּט.
וויינט א סטאדע שאף.
וויינט מיט דער פאסטוך.
זינגט ארויס פון טאג דער אומעט.

נאר ערגעץ דארט אויף ווייטע וועגן
גייט אויף א מארגנשטערן...

## פָּנָה הַיּוֹם

רֵיק הַדְּלִי, הַבְּאֵר רֵיקָה,
פָּנָה הַיּוֹם.
דָלוּ רוֹעֵי־הַצֹּאן אֶת כָּל זִיווֹ שֶׁל יוֹם
וְנִסְתַּלְּקוּ.
וְגָז אִתָּם נִגּוּן וְסַאַן.
וּמִי נִשְׁאַר עוֹד בַּדְּרָכִים אֲשֶׁר נָשַׁמּוּ?
בּוֹכוֹת הַשִּׁבֳּלִים וַעֲרִירִים שָׂדוֹת.

פָּנָה הַיּוֹם.
הָלַךְ קוֹצֵר. רֹאשׁוֹ עָיֵף צוֹנֵחַ אֶל חֵיקוֹ.
וּמַה נִשְׁאַר עוֹד בַּדְּרָכִים?
חָלְפוּ בָּהֶם הָאֲלוּמוֹת
וְגָז חֲלוֹם.
אֵימָה רַבָּה פְּרוּשָׂה סָבִיב סָבִיב.
אֵימָה עַל הַדְּרָכִים וְצַעַר בַּשְּׁבִילִים.

פָּנָה הַיּוֹם.
הָאַיִל הַצָּמֵא בָּרַח כְּמוֹ מִפְּנֵי הָעֲקֵדָה.
וְעֵדֶר הָרְחֵלִים עֵין־מַיִם לֹא מָצָא.
כִּי הָרוֹעִים דָּלוּ אֶת הַבְּאֵרוֹת עַד תֹּם.
וְהַקּוֹצְרִים שׁוּב לֹא מָצְאוּ גְּדִישָׁם,
כִּי הָאִכָּר סְחָבָם אִתּוֹ.
בּוֹכֶה לוֹ עֵדֶר רְחֵלִים
בּוֹכֶה אִתּוֹ רוֹעֵה־הַצֹּאן
מִבִּכְיֵי הַיּוֹם תּוּגָה תָּשִׁיר.

אוּלָם אֵי־שָׁם, בְּמֶרְחַקֵּי דְּרָכִים
עוֹלֶה כּוֹכַב הַשַּׁחַר.

## אויפן יידישן לייטער

אויפן יידישן לייטער,
יעדער שטאפל — אַן עקדה.
יעדער קלעטערער — א בראשיתדיקער זינגער
פון וואיענדיקע וועלפּישע כמארעס.

אויפן יידישן לייטער — כ׳האב געזען:
פלייצעס — און אויף זיי דער עול:
וואכעדיקע טעג
פארוואנדלען אין שבתים.
און דעם שבת — טייער האלטן,
ווי א וואכעדיקן פראסטן לעבן.

אויפן יידישן לייטער,
פארחלומטע קעפּ, עלנטע טרוימער.
און צווישן זיי:
שפינאזע, מארקס און היינע
מיט ליכטיקע אויגן, מיט זוניקע הערצער
צו ערד, צו הימלען.

יידישער לייטער!
אויף דיינע שטאפּלען
מיטן פנים צו די הימל־ראנדן
קלעטערט אלץ נאך ארויף און אראפּ
דער טאטע פון די צוועלף שבטים,
און זיין קאפּ — אויף שטיינער.
און דאס גאנצע לאנד ליגט אים צוקאפּנס.

## בסולם יעקב

בְּסֻלַּם יַעֲקֹב
כָּל שָׁלָב — עֲקֵדָה
וְכָל הַמַּעְפִּיל בּוֹ — זֶמֶר־בְּרֵאשִׁית
שֶׁל יְלֵל עָבִים זְאוּבִים.

בְּסֻלַּם יַעֲקֹב רָאִיתִי:
כְּתֵפַיִם עֲלֵיהֶם הָעֹל,
הוֹפְכֵי יוֹם חוֹלִין
לְשַׁבָּת
וּמְקַדְּשֵׁי־שַׁבַּתָּם
כְּיוֹם חֹל.

עַל סֻלַּם יַעֲקֹב
רָאשִׁים חֲלוּמִים, הוֹזִים עֲרִירִים,
שְׁפִּינוֹזָה, מַרְקְס וְהַיְנֶה,
בְּהִירֵי־הַמֶּבָּט, מְאִירֵי הַלְּבָבוֹת
אֶל מוּל רְקִיעִים וָאָרֶץ.

סֻלַּם יַעֲקֹב,
בִּשְׁלַבֶּיךָ
עוֹד עוֹלֶה וְיוֹרֵד
אֲבִיהֶם שֶׁל י״ב הַשְּׁבָטִים
וְרֹאשׁוֹ עַל הָאֶבֶן
וְכָל הָאָרֶץ כַּר לִמְרַאֲשׁוֹתָיו...

## דאס ליכט פון רואינען

אויף אלע וועגן,
ווי בעטלערס אויף וועלטישע שוועלן
מיר פרעגן:
וועלן מיר די ליכטיקייט פון רואינען
אויסגעפינען?
און אויב מיר וועלן זען זונען שטראלן,
ווי דורך לעכערדיקע זיפּן
רינען
אויף רואינען,
צי וועלן מיר מיט אונדזערע ליפּן
אויסקושן דעם באזונטן פאלן
און אין הארצן אים פארחתמען?

צי וועלן מיר די קליינע קינדער
ביי די הענטעלעך געשווינדער
פירן זיי צו רואינען
און לערנען:
אין פארברענטן פונדאמענט זוכן דעם באגינען — — —
זוכען און געפינען? — — —

צי וועלן מיר זיי לערנען אלף־בית,
אז אלץ וואס גרויס
ביי אונדז אין זוניקן לאנד
שטאמט פון דארט,
ווען שקיעה האט מיט בלוט
באצירט דעס ראנד?
צי וועלן מיר זיי זאגן

## אור מחרבות

קַבְּצָנִים עַל סִפֵּי הָעוֹלָם,
נִצְעַד בַּנְּתִיבוֹת
וְנִשְׁאַל:
— הַאִם לָנוּ הָאוֹר בֵּין תִּלֵּי חֳרָבוֹת
עוֹד יִתְגַּל?
וְהָיָה כִּי נִרְאֶה עוֹד קַו אוֹר
מִסְתַּנֵּן וְקוֹרֵן
עַל עִיֵּי חֳרָבוֹת —
הֲנִשַּׁק בִּשְׂפָתוֹת
חֲרֵבוֹת
אֶת הָאוֹר
לְחָתְמוֹ בַּלְּבָבוֹת?

הֲנוֹבִיל תִּינוֹקוֹת־בֵּית־רַבָּן
אֲחוּזִים בְּיָדָם
אֶל עִיִּים
לְלַמְּדָם
כֵּיצַד לְחַפֵּשׂ בֵּין עִיֵּי הַמַּסָּד הַיָּשָׁן
בְּרֵאשִׁית חֲדָשָׁה?
אֵיךְ לִרְצוֹת
לְחַפֵּשׂ וְלִמְצֹא?

לְלַמְּדָם אָלֶף־בֵּית,
כִּי כָל הַנִּשְׂגָּב וְהָרָם
בְּאַרְצֵנוּ שְׁטוּפַת הַחַמָּה
הוּא מִשָּׁם —
מֵעִיִּים שֶׁשִּׂקִּיעָה אֲדֻמָּה
הֱצִיפָתַם בְּדָם?
הֲנֹאמַר לַטַּף

אז דער תיו דארט
איז נים דער סוף,
נאר א נייער אנהויב פון א ווארט
דא — —
א המשך צו באזינען
די רואינען? — — —

כִּי הַתָּו
שָׁם
אֵינֶנּוּ הַסּוֹף
כִּי הַתָּו הוּא רֵאשִׁית הַדָּבָר
שֶׁבְּכָאן — — —
טַעְמוֹ, הֶמְשֵׁכוֹ שֶׁל הַסּוֹד
שֶׁנִּגְנַז בְּעִיֵּי חֳרָבוֹת? — —

## יעדן מארגנפרי

יעדן מארגנפרי, ווען איך עפן ברייט די לאדנס,
ווי מיין הארץ,
און דער טאג מיט זון באלאדן
רייסט ארײַן זיך אין מיין צימער,
זע איך:
זון איז דער אלף און דער תיו
פון גאטס וועלט:
וירא אלהים כי טוב.

כי טוב! ווייל מיט ליכט ווערט דעם מענטשנס נאמען געגרויסט.
ווייל ליכט באדייט: טרייסט.
און כדאי איז דער קריג פון אלע קריגן
ווען ער וועט — און ער וועט —
דעם חושך באזיגן.

כי טוב.
אויף גאטס גומען האט דאס ווארט געטאן א ברי
און מיטן לעבן א בונד פארשניטן.
וויזאווי
דעם כסא הכבוד האט געלויערט די נאכט
און די טריט פון דעם טאג געטאן היטן.
קין — איז אנטקעגנגעשפרונגען און געלאכט
(קין לאכט — ווען ס'איז נאכט),
הבל א געשאכטענער האט געציילט זיינע שאף,
דער טאג איז אויפגעגאנגען מיט א ברכה:
וירא אלהים כי טוב.

א סך טויטן אויף דער וועלט.
אין גרעזעלעך בלאזן טויזנט לעבנס.

## עם שחר

עִם שַׁחַר, עֵת אֶפְתַּח אֶת תְּרִיסַי לִרְוָחָה
כְּאֶת פִּתְחֵי לְבָבִי
וּבִפְרֹץ בָּם הַיּוֹם אֶת אוֹרוֹ לְהָבִיא,
אֵדַע:
בְּעוֹלַם הַבּוֹרֵא
הַשֶּׁמֶשׁ הוּא הָאָלֶף וְהַתָּו —
„וַיַּרְא אֱלֹהִים כִּי טוֹב."

כִּי טוֹב — כִּי בָאוֹר יִתְקַדֵּשׁ שֵׁם אָדָם,
כִּי בָאוֹר יְנֻחַם
וּבִכְדֵי הוּא כָּל קְרָב שֶׁבִּשְׁמוֹ יְלָחֵם,
הוּא יִגַּה, הוּא יִזְרַח
וִינַצֵּחַ.

כִּי טוֹב — כִּי עַל פִּי הַבּוֹרֵא הָיָה הַדָּבָר
וַיִּתֵּן לַחַיִּים אֶת בְּרִיתוֹ.
מוּל כִּסֵּא הַכָּבוֹד אָרַב לַיְלָה אָפֵל
לִצְעָדָיו שֶׁל הַיּוֹם.
לְעֻמָּתוֹ נִתַּר קַיִן צוֹהֵל
(קַיִן צוֹהֵל לְעֵת לֵיל)
הֶבֶל שָׁחוּט מָנָה אֶת צֹאנוֹ
וְיוֹם עָלָה וַיְבָרֵךְ רִבּוֹנוֹ
— כִּי טוֹב.

כִּי רַבִּים הַמֵּתִים בָּעוֹלָם —
אַלְפֵי נְשָׁמוֹת בַּדְּשָׁאִים.
הֶבֶל אֶת הַלַּיְלָה יְאוֹרֵר,
אֶת הָאוֹר יְקַלֵּל קַיִן.

הבֿל די נאַכט פֿאַרשעלט.
קין — די זון.
נאָר ווען מיט רייץ
האָט דער טאָג מיט ליכט געטאָן אַ פֿאַרפּלייץ
און גאָט האָט אַ ברכה געמאַכט:
כּי טוב, —
האָט דער ברודער מערדער דערפֿילט זיין שטראָף.

הבֿל! אונדזערע טעג וועלן זיין מיט זון באַלאָדן.

אַךְ בִּפְרֹץ הַיּוֹם אֶת הַיְקוּם בְּאוֹרוֹ לְהָצִיף
וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים כִּי טוֹב —
אָז נָשָׂא עֲווֹנוֹ רוֹצֵחַ אָחִיו.

הֶבֶל — עוֹד יוֹצְפוּ יָמֵינוּ בְּזִיו!

## אַ ליד

— ר׳ נחמן, בעל־שם — כ׳לעבן, כ׳הויב זיך אָן באַרימען,
וואָס פאַראַ וואונדערבאַרע דיכטער אין מיין שטאַם.
מעשה׳לעך, ווי שטערן כישופן אויף הימלען,
און טיפער — ווי דער טיפסטער ים.

ווען נאַכט שפּאַצירט אריין אין צימער און ברענגט אַ ביסל אומעט
עפן איך ר׳ נחמנען און רעד זיך מיט אים דורך.
דערציילט ער זיינע מעשה׳לעך, אַנטלויפט די נאַכט געשווינד
ווייל רעדן רעדט אַ מענטש און נישט קיין בוך...

און דער בעש״ט — זיין גאָטעניו און טאַטעניו אין יידיש גייט מיר נאָך:
פאַרצווייפל נישט, מיט שמחה פלאַקערט זון אין וואַלד.
זע, ווי בוימער זאָגן תפילה, און וואָרצלען טאַנצן קדושה,
און אַלע טויערן פון וועלטן, אָפן, אויפגעפּראַלט —

ר׳ נחמן און דער בעש״ט — אייערע מעשיות און זייער מוסר השכל,
זאלן גיין צווישן פאָלק, ווי גוטע ביכער,
און דערציילן זיי פון גרויסע וווּנדער,
ווען פראָסט און שטאָלץ דער טראָט — און זיכער.

## שִׁ י ר

— ר׳ נַחְמָן, הַבֶּעְשְׁ״ט — פַּיְטָנִים מַה נִּפְלָאוּ!
בֶּאֱמוּנָה, אֲנִי גֵּא בְגִזְעָם.
מַעֲשִׂיּוֹת, כְּמִקְסַם כּוֹכָבִים בַּמְּרוֹמִים,
וַעֲמֻקָּה חָכְמָתָם מִנִּי יָם.

וְלַיְלָה עֵת בָּא אֶל חֶדְרִי וְקָרְטוֹב שֶׁל תּוּגָה בְּבוֹאוֹ
אֶת סִפְרוֹ שֶׁל ר׳ נַחְמָן אֶפְתַּח, לְדוֹבֵב אֶת דַּפָּיו בְּמוֹ שִׂיחַ
וְהוּא מַעֲשִׂיּוֹתָיו יְסַפֵּר, וְהַלַּיִל עַד אַרְגִּיעָה יַחֲלֹף —
לֹא צְרוֹר שֶׁל דַּפִּים, כִּי אָדָם מִן הַסֵּפֶר מֵסִיחַ.

וְהַבֶּעְשְׁ״ט — זֶה „אָב רַחוּם״ שֶׁלּוֹ בִּשְׂפַת אֵם מְלַוֵּנִי תָּמִיד
אַל יֵאוּשׁ! עוֹד שְׂמָחוֹת נִדְלָקוֹת בַּאֲמִירָיו שֶׁל הַיַּעַר
רְאֵה, אוֹמְרִים שִׁירָתָם אִילָנוֹת, פִּזּוּז נִיצוֹצוֹת הַקְּדוּשָּׁה בְּכָל שֹׁרֶשׁ
וְשַׁ״י עוֹלָמוֹת לִרְוָחָה פּוֹתְחִים לְפָנֶיךָ כָּל שַׁעַר.

ר׳ נַחְמָן, הַבֶּעְשְׁ״ט, מַעֲשִׂיּוֹת שֶׁלָּכֶם וּמוּסַר־הַשְׂכֵּלָם
יִהְיוּ מְהַלְּכִים עוֹד בָּעָם, כְּמִשְׁפַּט כָּל מֵיטַב הַסְּפָרִים
וִיהִיוּ מְסַפְּרִים כִּי רַבּוּ נִפְלָאוֹת וְגָדְלוּ
כִּי פָּשׁוּט וְגֵאֶה הִלּוּכָם — וּבָרִי.

## אַ ליד

— און אפשר איז דער וואַסער־קוואַל
אַ חלום נאָר אין בלאָער שעה?
אפשר איז דער וואַסער־קוואַל אַ רעגנבויגן
וואָס פאַרשווינדט און מער נישטאָ?
— און אפשר איז דאָס קול וואָס שלאָגט
פון וואַסערן אַרום — נישט מער ווי נאָר — אַ חלום?
אפשר טאָגט שוין, טאָגט,
און ווו אַמאָל ס׳איז גרויל געווען —
גארבן ליכט אויף באַרג און טאָלן?

איך וועל דיר פירן,
דו מיין ליד,
דורך שטילן האַרבסט, דורך שלעסער, טויערן און טירן.
כ׳וועל דיר פירן, ווי אַ בלינדן,
מיט אחריות צווישן שטורעם־ווינטן.
און דאָס קול פון וואַסערן וועט נישט שטאַרבן —
ווייל דער וואַסער־קוואַל איז נישט קיין חלום
דורך די אימות פיר איך דורך בשלום
אַלע קלאַנגען, אַלע פאַרבן, —
ווייל דאָס ליד, ווי חלום, קען נישט,
וויל נישט, וועט נישט שטאַרבן.

## שִׁ י ר

— וְאֶפְשָׁר זֶה עֵין הַמַּיִם
אוּלַי הוּא קֶשֶׁת בֶּעָנָן,
הוּא רַק חֲלוֹם־שָׁעָה־שֶׁל־תְּכֹל
הַנִּגּוֹזָה פִּתְאֹם וָאַיִן ?
אֶפְשָׁר הַדְּהוּד עֵינוֹת הַמַּיִם
הוּא לֹא יוֹתֵר מִשֶּׁחֲלוֹם ?
אוּלַי מַפְצִיעַ כְּבָר הַיּוֹם,
וּבַאֲשֶׁר אֵימִים רָחֲשׁוּ,
בּוֹקְעִים אוֹרוֹת עַל הָר וָגַיְא ?

שִׁירִי —
אֲנַהֲלֵךְ בֵּינוֹת לִדְמֵי־סְתָוִים, בֵּינוֹת סוּגָר וָשַׁעַר
בַּחֲרָדָה, כִּנְהֹג סוּמָא,
אֲנַהֲלֵךְ בֵּינוֹת הַסַּעַר.
בַּאֲשֶׁר מַעְיָן אֵינוֹ חֲלוֹם,
וְלֹא יִגְוַע קוֹל עֵין הַמַּיִם
וְעוֹד אֶנְהַג כָּל צְלִיל וָצֶבַע
בֵּינוֹת אֵימִים — בּוֹאָם שָׁלוֹם —
כִּי הַשִּׁיר, הַחֲלוֹם לֹא יוּכַל
לֹא יֹאבֶה, לֹא יִתַּם לִגְוֹעַ.

## לידער

לידער —
כ׳האב אויף זיי קיין שליטה.
ווי אויף א בוים א צעבליטן
צעוואקסן זיי זיך און פארוואַרפן פולע צווייגן
אין די הייכן, אין דער נידער:
לידער.
אין געשריי.
אין שווייגן.

לידער —
ווי א געוויטער
פאַרמעסט זיך אויף ווארצלען און רייסט זיי אויף:
אזוי קוק איך ארוף
צו זיי און בעט:
לאזט מיר, לאזט מיר שווייגן, ווי א שטיין.
באַגלייט ניט מיינע טריט, ווי דער שאָטן מיין געביין
און פארשווייגט,
דערציילט קיין סודות,
שטום פארבלייבט
און לאזט קיין שפור, קיין עדות
פון די טעג אין דעם געוויטער —
לידער, מיינע לידער.

נאר ניט זיי פאלגן מיר, זיי טוען זיך אַריס
אויף קורצע אדער לאנגע שורות.
דער אלף־בית באַגלייט די באַרוועסע פיס
און היידאַ אין מרחקים, שטענדיק גרייט:
אין די שטורעמס מיט די פלוגן אין דער בייט.

## שׁ י ר י ם

שִׁירִים —
עֲלֵיהֶם אֵין שְׁלִיטָה לִי
מָשָׁל לְאִילָן מְלַבְלֵב
הַמְשַׁלֵּחַ פֹּארוֹת, אֲמִירִים
לַמְרוֹמִים
כְּמוֹ לַהַק:
שִׁירִים.
בִּשְׁתִיקָה
וּבַזַּעַק.

שִׁירִים —
כְּמוֹ סַעַר
פּוֹרֵץ לַעֲקֹר וּלְשָׁרֵשׁ.
אֶשָּׂא אֶת עֵינַי אֲלֵיהֶם, אֲבַקֵּשׁ:
תְּנוּ וְאֶחֱשֶׁה כְּמוֹ אֶבֶן־שָׂדַי
וּכְמוֹ צֵל, אַל תַּעַקְבוּ צְעָדַי.
הַחֲשׁוּ
וְנִצְרוּ סוֹדוֹתַי.
הַחֲשׁוּ —
לֹא עֵדוּת וְלֹא זֵכֶר
לְיָמַי, סַעֲרוֹתַי —
שִׁירַי, שִׁירוֹתַי.

אַךְ הֵם לֹא יִשְׁעוּ לִי
הֵם פּוֹרְצִים בְּשׁוּרוֹת
אֲרֻכּוֹת וּקְצָרוֹת.
אָלֶף־בֵּית מְלַוֶּה אֶת רַגְלַי יְחֵפוֹת

לידער —
כ׳גלויב, אז דאָך אמאָל
וועל איך מיט פלויטן אייך פאַרצוימען
און מיט בלומען אָן אַ צאָל
כ׳וועל די רוימען
אייערע פארזייען
און באפעלן:
אַ ליד האט נאר אַ זין,
ווען ס׳אנטלויפט צו צינדן דעם באגין!

נְכוֹנוֹת לְגַמֵּא מֶרְחַקִּים
בַּסּוּפוֹת.

שִׁירִים —
עוֹד אֲקַו
כִּי רַסֵּן אֲרַסְּנֵם עוֹד פַּעַם
אֶסְכְּרֵם בִּפְרָחִים
וַאֲצַו:
לַשִּׁיר יֵשׁ רַק טַעַם
בְּדָלְקוֹ לְהַצִּית
שַׁחֲרִית.

## דער טרוים

דער טרוים —
ער וועט ניט פארלאזן דערוואקסענע, קינדער
ער קומט און קלאפט אן אין דעם ווייקן לאדן:
כ׳בין דא!
כ׳האב דיין צער אין די גרויע פארנאכטן געלינדערט.

דער טרוים —
זאל זיין אז אפילו
דיין קאפ איז אין אומרו פארגליווערט —
קומט ער צוגיין אין די שטילע
פארנאכטן
און קלאפט אין דעם ווייקן לאדן:
כ׳בין דא!
געקומען כ׳בין טראגן דיין פיבער,
מיינע בוימער מיט פרוכטן באלאדן.

דער טרוים —
זאל זיין אז דיין אויג האט אין תהומות פארזונקען,
דאס ווארט — ווי א נאכט מיט חושך פארשטאכן,
קום איך צוגיין
מיט לידער באטרונקען,
פאלן פון אקסלען די ווייקע יאכן
און זון אין דיין צימער.
אויף שוועל און אויף מיטה
פריידיקע שליטה.

## חָזוֹן

הֶחָזוֹן —
הוּא שׁוּב לֹא יִנָּטֵשׁ לֹא זָקֵן וְלֹא נַעַר
הוּא בָּא וְדוֹפֵק עַל תְּרִיסְךָ טְרוּף־הַסַּעַר:
הִנֵּנִי!
בַּאֲפֹר־עֲרָבִים בָּךְ שִׁכַּכְתִּי כָּל צַעַר.

הֶחָזוֹן —
וְלוּ גַם אִפְלוּ
רֹאשְׁךָ כָּל חֶרְדוֹת־הַיָּמִים כְּבָר הִקְפִּיאוּ,
אָבוֹא עוֹד בִּדְמֵי עֲרָבִים שֶׁהִרְגִּיעוּ
וְאֶדְפֹּק עַל תְּרִיסְךָ הַטָּרוּף מִנִּי סַעַר:
הִ נֵּ נִ י!
בָּאתִי לָשֵׂאת רִטְטְךָ הַקּוֹדֵחַ,
עָמְסוּ אִילָנֵי פֵּרוֹת שֶׁהִבְשִׁילוּ.

הֶחָזוֹן —
וְלוּ בִּתְהוֹמוֹת עֵינְךָ־עוֹד צוֹלֶלֶת
וְלוּ גַם דַּרְכְּךָ הוּא כְּחֶשְׁכַת הַלַּיִל,
אָבוֹא,
רְוֵה־שִׁיר בְּבֵיתְךָ אוֹר לָטַעַת
עַל יְגוֹנִים לִפְרֹק מִכְּתֵפַיִם
וְשֶׁמֶשׁ בַּחֶדֶר.
עַל סַף וּמִשְׁכָּב
וְגִיל בּוֹ כִּי רָב.

...ווער ס'פאַרמאָגט אַ הויז מיט נידעריקע שויבן,
ווער ס'פאַרמאָגט אַ האַרץ
אויסגעבעטט מיט קינדערישן גלויבן...
ווער ס'פאַרמאָגט אַט אַזוי זיך גלאַט
אַן אָרעמען כאַלאַט,
אַן אָפּגעריסן העמד,
ברענגען זאָל ער אַלץ אַהער:
מיר נעמען אויף אַ ליד, אַ וואָרט, אַ טרער,
מיר זוכער פון
וואַנדערלעכע קערנער אויף דער ערד...

... אֲשֶׁר בִּקְתָּה לוֹ, נְמוּכַת הָאֶשְׁנַבִּים,
אֲשֶׁר לוֹ לֵב רָפוּד
תֹּם אֱמוּנָה שֶׁל יֶלֶד,
אֲשֶׁר גְּלִימָה דַּלָּה לוֹ
אוֹ בְלוּיֵי כֻּתֹּנֶת,
אֶת הַכֹּל יָבִיא אִתּוֹ לְכַאן:
אָנוּ נְקַדֵּם כָּל שִׁיר, מִלָּה וְדֶמַע,
אָנוּ מְבַקְשֵׁי זַרְעֵי-הַפֶּלֶא בַּתֵּבֵל.

# אינהאלט


| | |
|---|---|
| אומרו | 6 |
| ווער זאגט | 8 |
| הארבסט | 10 |
| ס'איז ניטא קיין אנדער גלויבן | 12 |
| ווען נישט דאס ליד | 16 |
| א בוים מיט צווייגן | 20 |
| פשוטע ווערטער | 22 |
| * (איך האב באצאלט) | 26 |
| ויהי בוקר | 30 |
| יעדער וויל זיין שטיקל חלק | 32 |
| א מזמור | 36 |
| * (טונקל) | 38 |
| * (אויף אלע וועגן) | 42 |
| * (ביים ארעמען געצעלט) | 44 |
| א ליד פאר מיר און פאר דיר | 46 |
| שיר השירים | 50 |
| פון וואנען ביזטו אנגעקומען | 54 |
| * (א מאל אין דער נאכט) | 58 |
| גוטער שכן מיינער | 60 |
| צער | 62 |
| דער נר־תמיד | 66 |
| סוף טאג | 68 |
| אויפן יידישן לייטער | 70 |
| דאס ליכט פון רואינען | 72 |
| יעדן מארגנפרי | 76 |
| א ליד | 80 |
| א ליד | 82 |
| לידער | 84 |
| דער טרוים | 89 |

# התוכן


| | |
|---|---|
| חרדות | 7 |
| מי יאמר | 9 |
| סתו | 11 |
| אמונה | 13 |
| לולא השיר | 17 |
| אילן ועפאיו | 21 |
| מלים כפשוטן | 23 |
| * (על הכל כבר כפרתי) | 27 |
| ויהי בוקר | 31 |
| כל אדם רוצה חלקו | 33 |
| זמר | 37 |
| * (עלטה) | 39 |
| * (בכל הדרכים) | 43 |
| * (מול בקתת העני) | 45 |
| שיר לך ולי | 47 |
| שיר השירים | 51 |
| מנין תבוא | 55 |
| * (אי פעם בליל) | 59 |
| שכני הטוב | 61 |
| צער | 63 |
| נר התמיד | 67 |
| פנה היום | 69 |
| בסולם יעקב | 71 |
| אור מחרבות | 73 |
| עם שחר | 77 |
| שיר (ר׳ נחמן) | 81 |
| שיר (ואפשר זה עין המים) | 83 |
| שירים | 85 |
| חזון | 89 |